Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Yidn in Poyln

Bałaban, Majer
באלאבאן, מאיר

Ṿilne, 1930

[V] יידישע קונסט

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275

Visual Library

# יידישע קונסט

# פעסטונג=שולן

## אויף די מזרחדיקע ראַנד=געביטן פון דער פוילישער מלוכה

אין די אומגליק-יאָרן פון דער פוילישער מלוכה, ווען אויף אירע מזרח-געביטן האָבן טערקישע און טאָטאַרישע חיילות אַזוי שרעקלעך געווילדעוועט, האָט דער פראַנצויזישער קעניג, לודוויק דער XIVטער, נישט דורכגעלאָזט קיין שום געלעגנהייט אויף צו קאָנען דורכפירן זיינע פאָליטישע פלענער. זיינע שליחים און שפּיאָנען האָבן דורכגערייזט איבער דער לענג און דער ברייט דאָס לאַנד פוילן, דערביי האָבן זיי אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם קעניג מיכאַל, בכדי צו געווינען די פוילישע קרוין פאַרן פראַנצויזישן קאַנדידאַט, דעם הערצאָג פון לאַנזשעוויל. איינער פון די דאָזיקע אַגענטן איז געווען דער גלח פּולמיער, וועלכער האָט אַלס מיליטער-אינזשיניער, פאַרזען מיט אַ קעניגלעכן פּאַס, אַרומגעוואַנדערט אין פּאָדאָליע און וואָלין צוזאַמען מיטן אַוואַנטוריסט, און געאָגראַף אולריך ווערדום. דער דאָזיקער ווערדום האָט געפירט אַ גענויעם רייזע-טאָגבוך, ווו ער האָט פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט און וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר ווערט איבערצוגעבן די קומענדע דורות.

די דאָזיקע ביידע שפּיאָנען האָבן געווײלט אין זבאַראַזש — דאַמאָלס אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט — און פון דאָרט זענען זיי דורך טאַרנאָפּאָל געפאָרן נאָך בזשעזשאַני. איין נאַכט האָבן זיי זיך אויפגעהאַלטן אין טאַרנאָפּאָל און דאָ האָט ווערדום צווישן אַנדערן פאַרנאָטירט פאָלגנדעס: „די פויבסט-אָנהענגער האָבן דאָ אַ גרויסע שטיינערנע קירכע אינמיטן דער שטאָט, די רוטענער האָבן דריי קירכעס. די יידן, וועלכע געפינען זיך דאָ אין אַזאַ גרויסער צאָל, אַז זיי פאַר-נעמען אַזש אַ באַזונדערן, נעמלעך דעם בעסטן, טייל פון דער שטאָט, האָבן דאָ אַזאַ שיינע אויס שטיין געבויטע שול, וואָס אַזעלכע האַב

איך אין גאַנץ פּוילן נישט געזען" 1). די טאַרנאָפּאָלער שול האָט זיך דאַן געוואָרפן דעם רייזנדן אין די אויגן: זי איז געווען גרויס און באַפעסטיקט, ווי מיר זעען זי נאָך היינט. זי איז אָבער אין די מזרח-געביטן פון פּוילן נישט געווען די איינציקע פון דער דאָזיקער גרייס און דעם דאָזיקן סטיל. מיר געפינען דאַן פיל אַזעלכע שולן, כאָטש נישט אַלע פון זיי זענען ביזן היינטיקן טאָג שטיין געבליבן.

עס זענען אונז באַקאַנט צווייערליי אַרט שולן אין פּוילן, אָפּהענגיק פונם אָרט, ווו זיי פלעגן געבויט ווערן. די שולן, וועלכע מען האָט געשטעלט אינמיטן פון דער שטאָט האָבן בלויז געמוזט אַנטשפּרעכן די פאָרשריפטן פונם קירכן-רעכט בנוגע זייער אויסנווייניקסטן אויסזען, הויך און ווייטקייט פון דער שכנותדיקער קירכע 2), יענע שולן, ווידער, וועלכע מען האָט געבויט אויסערהאַלב די באַפעסטיקונגען פון דער שטאָט, האָבן געמוזט זיין ענטוועדער געבויט פון האָלץ, אָדער באַפעסטיקט. די דאָזיקע פאָרשריפט איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרטיידיקונגס-פעיקייט פון דער שטאָט. אין פאַל פון דער דערגענטערונג פון אַ שונא האָט מען אַלץ, וואָס האָט זיך געפינען אויף יענער זייט פון די מויערן, געמוזט ענטוועדער פאַרברענען, אָדער פאַרוואַנדלען אין אַ פעסטונג און פון דאָרט אויס זיך פאַרטיידיקן. די רייכע און מער באַפעלקערטע קהלות האָבן זיך מערסטנטיילס אויסגעקליבן די צווייטע מעגלעכקייט און האָבן געבויט באַפעסטיקטע שולן, וועלכע זענען גלייכצייטיק געווען קליינע פעסטונגען. די ווענט זענען אין פיל ערטער געווען אָנגעשפּאַרט אויף שטאַרקע שקאַרפּן, און דער דאַך – אַרומגערינגלט מיט אַ שוץ-גאַלעריע אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען לעכער צום שיסן, ווי מיר זעען עס נאָך דאָ און דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

1) Finkel Ludwik: Miasto Tarnopol w r. 1672 יאָר-בוך פון טאַרנאָפּאָלער ליטעראַרישן צירקל פון יאָר 1892 זייט 102—107. דאָס טאָג-בוך פון ווערדום האָט אין יאָר 1775 אַרויסגעגעבן יאַן בערנולי אין לייפּציג אין „אַרכיוו פאַר נייערער געשיכטע און געאָגראַפיע". פּוילישע איבערזעצונג פון ליסקע אין „Przewodnik naukowo literacki" פון 1876. איבער בערנולי, זע: היסטאָרישע שריפטן פון ייִד. וויסנש. אינסטיטוט, (1929) באַנד I, זייט 233.

2) איבער דער פּראַגע וועגן שולן-בוי זע: Bałaban M. Żydzi lwowscy na przełomie XVI i XVII w. זייט 52—44

די דאָזיקע געוויינהייט איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ געזעץ. דער קעניג זיגמונט דער דריטער, ווען ער גיט דער יידישער קהלה אין לוצק אַן ערלויבניש צו בויען אַ נייע שול (דעם 5טן מאַי 1626), שטעלט ער אַן אויסדריקלעכן תּנאי, „...אַז די יידן — רבניסטן [1] — זאָלן אויפן דאַך פון דער דאָזיקער שול איינאָרדנען אויף אַלע פיר זייטן אַנטשפּרעכנדע צוגרייטונגס-פונקטן אויף צו האַלטן געווער און אָנפירן מיט דער פאַרטיידיקונג, שאַפן פאַר אייגענע קאָסטן אַנטשפּרעכנדע קאַנאָנען און ביי אַן איבערפאַל מצד דעם שונא איבערלאָזן דאָרט אַ געוויסע צאָל מענטשן אויף באַשיצונג, לויט ווי דער שטאָט-ראַט וועט עס פאָדערן. אין פאַל פון, גאָט באַהיט, אַן אָנגריף אויף דער שטאָט, מוזן די יידן צוזאַמען מיט די אַנדערע בירגער זי פאַרטיידיקן און בעת דער דאָזיקער געפאַר זיך דעם מאַגיסטראַט אין קיין שום זאַך נישט אַ קעגנצושטעלן, נאָר אין אַלעמען געהאָרכזאַם צו זיין" [2]. און פאַקטיש האָט די לוצקער שול באַקומען די פאָרם פון אַ פעסטונג: אויפן פלאַכן דאַך האָט מען איינגעאָרדנט אַן אַרכיטעקטאָנישע גאַלעריע מיט אַזוי-גערופענע ברוסטן-באַשיצער און לעכער צום דורכשיסן. ביי איין זייט פון דער שול האָט מען אויפגעבויט אַ טורם אין דער פאָרם פון אַ קאַנטיקן פילאַר, וועלכן מיר זעען נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אין שלום-צייט פלעגט דער דאָזיקער טורם דינען אַלס געפענגניש פון דער יידישער קהלה, אין די צייטן פון אָנפאַלן מצד די קאָזאַקן און רוסן פלעגט ער דינען אַלס באַאָבאַכטונגס-פונקט, פון וואַנען מען פלעגט קאָנען פון דערווייטנס קאָנטראָלירן די שריט פונם שונא און אָפטמאָל אויך שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

צי איז אויך די *לעמבערגער* שול אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט געווען באַפעסטיקט, לאָזט זיך פון די אַרכיוו-אַקטן נישט באַשטעטיקן, כאָטש די היסטאָרישע פאַקטן ווייזן דערויף דייטלעך אָן. אין יאָר 1623 איז די גאַנצע קראָקעווער פאָרשטאָט צוזאַמען מיט דער דאָרטיקער שול אָפגעברענט געוואָרן און אַ יאָר דערנאָך האָבן די יידן געשלאָסן

1) אין לוצק זענען אויך געווען קאַראַימער.

2) Bersohn: Dyplomatarjusz dotyczący Żydów w dawnej Polsce, נומער 227—228

אַן אָפּמאַך מיטן מאַגיסטראַט וועגן ווידער-אויפבוי פון דער שול און די אָפּגעבּרענטע גאַסן. אינם דאָזיקן אָפּמאַך לעזן מיר וועגן דער שול פאָלגנדעס: „די שול מוז זיך געפינען אויף אַ ווייטערן אָרט און מוז געבּויט ווערן אויפן פלאַכן שטח פון „פויזנער הויף״. דער בּנין דאַרף נישט זיין מאַסיוו געבּויט, נאָר בּלויז אַזוי, אַז די ווענט זאָלן קאָנען דערטראָגן אַ בּאַשיידענע, איטאַליעניש-אַרטיקע וועלבונג״. ווייטער ווערט דאָרט אָנגעגעבּן די אויסמעסטונג פון דער דאָזיקער שול. זי דאַרף פאַרנעמען 20 איילן די בּרייט, 30 די לענג און 20 די הויך, פון אַ פאַרטיידיקונגס-פעיקייט ווערט אָבער גאָרנישט דערמאָנט 1). בּיז אונזערע צייטן איז נישט פאַרבּליבּן קיין שום בּילד פון דער דאָזיקער אַמאָליקער שול, און נאָר די געשיכטע פון לעמבּערג ווייזט אונז, אַז מען האָט זיך פון איר אויס פאַרטיידיקט בּעת פאַרשידענע אָנפאַלן אין דער צווייטער העלפט פון זיבּעצנטן יאָרהונדערט.

אין דער צווייטער העלפט פונם זיבּעצנטן יאָרהונדערט פאַלט אויס די אַנטשטייונג פון כּמעט אַלע בּאַפעסטיקטע שולן, ווי, צ. בּ., אין לובּאָמל — אין וואָלין, און שאַריגראָד — אין פּאָדאָליען, אין בּראָדי, לעשניעוו, טאַרנאָפּאָל און קודם-כּל די שול אין זשולקעוו, איינע פון די שענסטע און אַממיינסטן בּאַפעסטיקטע.

די שול אין זשולקעוו אין איר היינטיקן צושטאַנד איז אַנטשטאַנען ערשט בּיים סוף פון זיבּעצנטן יאָרהונדערט, נאָך אַלע איבּערפאַלן פון די קאָזאַקן און טאָטאַרן, כאָטש די דאָרטיקע יידישע קהלה האָט שוין מיט אייניקע צענטליק יאָרן צוריק געהאַט בּאַקומען די פּריווילעגיע צום בּוי פון דער דאָזיקער שול. דען שוין אין יאָר 1635 האָט דער אייגנטימער פון זשולקעוו, יאַן סטאַניסלאַוו דאַנילאָוויטש, ערלויבּט „צו בּויען אַ שול אויף אַ הילצערנעם אָדער געמויערטן פונדאַמענט, ווי אַזוי עס וועט זיי געפעלן״ און קעניג יאַן סאָבּיעסקי

---

1) בּאַלאַבּאַן: Żydzi Lwowscy אַנעקס נומער 72. זיגמונט דער דריטער האָט אינם בּריוו פונם 10-טן יולי 1624 בּאַשטעטיקט דעם אָפּמאַך צווישן דעם שטאָט-ראַט פון לעמבּערג און די יידן בּנוגע דעם ווידעראויפבּוי פונם פאָרשטעטישן געטאָ און דער פאָרשטעטישער שול. אויך דער לעמבּערגער אַרציבּישאָף פּרוכניצקי האָט מיטן דעקרעט פון 10-טן אויגוסט 1624 ערלויבּט דעם ווידעראויפבּוי פון דער שול.

האָט אין יאָר 1678 די דאָזיקע ערלויבניש באַשטעטיקט 1). אין יאָר 1687 האָט יאַן סאָביעסקי זיין ערלויבניש ווידעראַמאָל באַשטעטיקט, מיט דער צוגאַבע, אַז „ער וועט די יידן נישט שטערן צו נעמען שטיינער פון זיינע שטיין־בערג". פון דאַנען שטאַמט די לעגענדע, אַז די דאָזיקע שול איז געשטעלט געוואָרן דורך דעם מלך יאַן סאָביעסקי 2). אין יאָר 1692 האָט די שול נאָך נישט עקזיסטירט, דען ערשט אין יענער צייט האָט דער אַרציבישאָף פון לעמבערג, יאַן ליפּסקי, געגעבן זיין הסכּמה זי צו בויען, דערביי האָט ער אויסדריקלעך באַטאָנט דעם צוועק פון איר פאַרטיידיקונגס־פעיקייט, „כּדי די יידן זאָלן אין פאַל פון אַ שׂרפה אָדער אַ פיינטלעכן אָנפאַל האָבן אַ זיכערן ווער־פּונקט און אָרט, ווו צו האַלטן זייער פאַרמעגן און פּריוואַטע צירונגען" 3).

ערשט דאַן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקע שול מיט מעכטיקע מויערן, אָנגעשפּאַרט אויף נאָך מעכטיקערע שקאַרפּן און דער דאַך — אַרומגעמויערט מיט אַ פאַרטיידיקונגס־באַלקאָן (אַטטיקאַ), ווי מיר זעען ביזן היינטיקן טאָג. עס האָט די דאָזיקע שול באַוווּנדערט און געמאָלט דער גרויסער פּוילישער מאָלער יאַן מאַטעיקאָ און האָט אויף אַזאַ אופן פּאָפּולאַריזירט איר בילד. אינעווייניק איז די שול, באַדעקט מיט אַ וועלבונג, אָנגעשפּאַרט אויף פיר קיילעכדיקע און מעכטיקע פילאַרן, און זי איז אַמאָל געווען שיין געמאָלט. אין מיינע יוגנט־יאָרן האָב איך נאָך געזען שפּורן פון דער דאָזיקער פיל־פאַרביקער מאָלעריי, די פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהלה האָט אָבער נישט געוווּסט דאָס צו שוינען און האָט אייניקע יאָר פאַר דער מלחמה געלאָזט די שול איבערמאָלן אויף ראָזע מיט העלע בלומען־באַשפּריצונגען, לויטן מוסטער פון אַ זומער־טעאַטער, אָדער אַ מאָדערנער וויין־האַלע.

אַנדערש פון אירע שוועסטער־שולן אין לוצק, בראָדי, טאַרנאָפּאָל, זשולקעוו א. אַז. וו. איז די שול אין הוסיאַטין. זי איז וואָרשיינלעך אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט פון דער טערקישער הערשאַפט

1) בובער: קריה נשגבה, אנעקס, זייט 122—170. די אָריגינאַלן פון די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָבן זיך נאָך הארט פאַרן מלחמה־אויסברוך געפונען אין באַזיץ פון דער פאַמיליע צימעלעס אין זשולקעוו.

2) בובער: זייט 123—124.

3) דעקרעט פון אַרציבישאָף יאַן ליפּסקי פון 22־טן מערץ 1692.

אין פאָדאָליען צווישן יאָר 1672 און 1699, דען זי האָט אויף זיך אָריענטאַלישע סימנים, וועלכע מיר באַגעגנען נישט אין אַנדערע שולן אין פוילן. עס איז שווער צו אַנטשיידן, צי די דאָזיקע שול איז באמת געשטעלט געוואָרן אויף קירכע-באָדן, ווי עס פאַרזיכערט דער בישאָף שעראַקאָווסקי; זיכער איז, — און דאָס קאָן יעדער באַשטעטיקן — אַז זי איז נישט געוואָרן איבערגעבויט פון אַ „קרעטשמע אָדער פון אַ גוט-הויף”, נאָר זי איז אוממיטלבאַר געבויט געוואָרן אַלס פרעכטיקע און באַפעסטיקטע שול. דער קאַמעניעצער בישאָף האָט זיך אָבער ווייניק געקימערט וועגן היסטאָרישן אמת. קומענדיק נאָך הוסיאַטין מאַכט ער אַ פראָצעס קעגן די יידן, באַשטימט דעלעגאַטן און, נאָכן אויסהערן זייערע באַריכטן, לאָזט ער די שול פאַרחתמענען, די שטיינערנע מויער אַרום דעם יידישן בית-עלמין פונאַנדערנעמען און אויף דער יידישער קהלה לייגט ער אַרויף אַ שטראָף פון טויזנט דוקאַטן. עס נעמט זיך אָבער אָן פאַר „זיינע יידן” דער מושל פון שטעטל, דער פאָדאָליער וואָיעוואָדע, מיכאַל פאָטאָצקי. ער באַפעלט די שול תיכף אויפ-צוחתמענען און ערלויבט נישט די יידן צו באַצאָלן די שטראָף. אויף דעם סמך איז געקומען צו אַ בריוו-אויסטויש צווישן פאָטאָצקין און שעראַקאָווסקין 1), וועלכער איז אַזש דערגאַנגען צום לובלינער טריבונאַל (1741). פאָטאָצקי האָט פאַרשפּילט דעם פראָצעס, אָבער די יידן זענען געבליבן ביי זייער שול, ווייל שעראַקאָווסקי האָט איבערגענומען די בישאָף-שטעלע אין אַן אַנדערע שטאָט, וווּ די יידן האָבן פון אים געהאַט גענוג צו ליידן 2).

---

די פעסטונג-שולן האָבן צו דער פאַרטיידיקונג געפאָדערט פיל

---

1) Rolle (Antoni I.): Żydzi na kresach, Przewodnik naukowy i literacki. 1876

2) אַלס בישאָף פון פשעמישל האָט זיך שעראַקאָווסקי גענוג געלאָזט פילן דער יידישער באַפעלקערונג. אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבן אומפאַנגסרייכע דעקרעטן מיט פיל באַגרענעצונגען פאַר די פשעמישלער יידן (Schorr: Żydzi w Przemyślu, annex Nr. 136-19 Juni 1743). איין ענלעכער דעקרעט פאַר די יידן אין ריישע (Pęckowski: „Dzieje m. Rzeszowa” זייט 389—1746) און פאַר די יידן אין רובאַטיטש דעם 16טן נאָוועמבער 1743. (דער אָריגינאַל האָט זיך פאַר דער מלחמה געפונען ביים שטאָט-רב.

ביקס מיט אויסנאַם פאַר זקנים און יינגלעך ביז 10 יאָר". „אויך די יידן מוזן 3 מאָס טרוקענעם, גוטן שיס-פולווער באַזיצן און האַלטן ביי זיך שטענדיק גרייט; אויך אַ שאָק קוילן צו די ביקסן און אַ האַלב שאָק צו די קאַנאָנען. דאָסגלייכן דאַרפן די יידן באַזאָרגן 4 אייגענע ביקסן אויפן טורם און אויך געבן מענטשן, וועלכע זאָלן זיי באַדינען און פון דאָרט שיסן. און ווייל ביי דער פאַרטיידיקונג איז נויטיק אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט די קונסט פון תכסיסי-מלחמה, דעריבער מוז ביי יעדער וואַל איין שטאָטישער, איין פאָרשטאָטישער און איין קאָמאַנדירנדער ייד געקליבן ווערן 1). יידישער העטמאַן איז אינם דאָזיקן יאָר געוואָרן משהקע דער העפטער. אין דער צווייטער העלפט פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט מען איבער-געגעבן די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט צו די צעכן, דערונטער אויך די יידישע צעכן. אין הסכם מיט דער פריווילעגיע פון יאָר 1686 האָט דער יידישער קירזשנער-צעך אין ניי-שטאָט (ריישע) געמוזט באַזיצן אַן אייגענע פאָן, ביקסן, פולווער און קוילן 2).

אויך אין טאַרנאָפאָל זענען די יידן געווען פאַרפליכט צו דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. אין דער רעוויזיע פון דער שטאָט פאַרן יאָר 1672 געפינען מיר פאָלגנדע שטעלע: די יידן מוזן זיך צוזאַמען מיט די קריסטן איבן אין וואָפן-דינסט, פאַרטיידיקן זיך מיט זיכער געווער און באַזיצן לויט די געברויכן קוילן און פולווער ביי אַ שטראָף פון 3 מאַרק, וועלכע געהערן דעם שלאָס"... 3).

---

מיט דער ענדערונג פון די פאָליטישע פאַרהעלטנישן, מיט דער ענדערונג פון דער קריגס-קונסט און מיטן אונטערברענגען די מויערן און טויערן פון דער שטאָט, הייבן אויך ביסלעכווייז אָן צו פאַרשווינדן די צייכנס פון דער באַפעסטיקונג פון די שולן. דערצו איז געווען אַן אָפטע געלעגנהייט. די שולן זענען געוויינלעך געווען באַדעקט מיט הילצערנע סטעלעס, אָדער יעדנפאַלס מיט הילצערנע דאַך-שינדלען, וועלכע פלעגן גאַנץ

---

1) Pęckowski: Dzieje miasta Rzeszowa, זייט 388.

2) דער זעלבער, זייט 226.

3) Finkel Ludwik: Miasto Tarnopol זייט 127.

אָפט ווערן אַ קרבן פון שרפות. און ביים רעסטוירירן די שולן האָט מען די אַזוי-גערופענע ברוסטן-שיצערס אַוועקגענומען, געמאַכט אַ קרומען דאַך און נאָר אין טייל ערטער פלעגט מען אַרום דעם דאַך מאַכן אַ גאַלעריע, וועלכע האָט דערמאָנט אין דער פעסטונג פון אַמאָל. אָפט פלעגט מען איבער דער אייגנטלעכער שול אויפשטעלן נאָך אַ קליינעם שטאָק און דאָרט איינאָרדנען אַ באַזונדער שולכל (אָסטראָה, לעמבערג, בית-מדרש פון דער פאָרשטאָט). טייל האָבן אַרום דאַך קיין שום גאַלעריע נישט געמאַכט (ריישע, ניי-שטאָט), אָדער מען פלעגט אויך מאַכן אַ געוויינלעכן דאַך, ווי ביי אַ וווין-הויז (לעמבערג-פאָרשטאָט, לובלין). דערפאַר זעען אויך די שולן אויס, ווי קאָנצערט-זאַלן, אָדער טעאַטער-געביידעס. נאָר אַ קליינע צאָל שולן האָבן נאָך זייער אַמאָליקן אויסזען, אָבער אויך אין זיי זענען געמאַכט געוואָרן אַזוי פיל פאַרענדערונגען און אַזוי פיל צובויונגען, אַז נישט פיל איז איבערגעבליבן פון זייער אַמאָליקער הערלעכקייט.

# אונזערע קונסט־ און קולטור־אוצרות

דאָס ערשטע מאָל האָט מען פאַרן ברייטערן עולם אויסגעשטעלט אַ גרעסערע צאָל יידישע אַלטערטימלעכקייטן אויף דער פאַריזער אויס־שטעלונג אין יאָר 1878. ה׳ מ. שטראַוס האָט אין פּאַלאַץ טראָקאַדעראָ אויסגעשטעלט זיין זאַמלונג, וועלכע האָט פאַרמאָגט 83 געגנשטאַנדן. פונם קאַטאַלאָג דערוויסן מיר זיך, אַז בלויז 3 קעגנשטאַנדן זענען געווען פון 12טן און 13טן י. ה., די איבעריקע — פון 16טן און 17טן [1].

דער צווייטער פּרווו, וואָס איז אונז באַקאַנט, איז געווען די אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן אין לאָנדאָן אין יאָר 1886. פון די פּרטים, וואָס ס׳גיט־אָן דער „דזשואיש כראָניקל״ אין אַ ספּעציע־לער ביילאַגע [2], דערוויסן מיר זיך, אַז די אויסשטעלונג האָט געגעבן אַ סיסטעמאַטיש בילד פון די יידישע איבערבלייבענישן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער צייט פון פאַרן גירוש אויף יידן אין ענגלאַנד אין 1290 יאָר. פון יענער צייט זענען באמת געבליבן אַזש 520 עקספּאָנאַטן, ס׳רוב — אַרכיוואַלן.

זינט עטלעכע צענטליק יאָרן זענען — אַדאַנק די באַמיונגען פון יחידים, אָדער פון קהילות — אַנטשטאַנען גרעסערע אָדער קלענערע זאַמ־לונגען פון יידישע אַנטיקן אין האַמבורג, בערלין, ברוינשווייג, פּראָג, ווין, פראַנקפורט־אַם־מאַין, מאַינץ, דרעזדן, דאַנציג, מינכן, און לעצטנס —

---

1) Collection de M. Strauss. Description de Objets d'art religieux hebraique etc. Poissy, 1878.

זע אויך דעם אַרטיקל פון סטאַסאָוו אין דער רוסישער „יעוור. ביבליאָטעקאַ״, פּעטערבורג, 1879, ב. 7, ז״ז 25. איצט געפינט זיך די זאַמלונג אין קלוני־מוזיי.

2) וואָסכאָד 1887, פּעטערבורג 7—8, ז. 119, אויך סאָקאָלאָוו אין האסיף IV, 2, ז. 146. איצט איז אַ טייל פון דער זאַמלונג אין מאָקאַטטאַ־מוזעום אין לאָנדאָן.

אויך אין ברעסלוי. אַ טייל פון זיי שטעלן שוין פאָר פולשטענדיקע מוזייען, אַנדערע זענען נאָך אין דער מדרגה פון לויזע זאַמלונגען, אָדער זיי גייען גאָר אַריין אין די רעגירונגס-מוזייען, אָדער אין די שטאָטישע, צ. ב., די אָפּטיילונג פון יידישער פאָלקס-קונסט ביים מוזיי אין קאַסעל, אָדער די באַרימטע יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין פראַנקפורט אַ. מ. ביים בריטישן מוזיי א. אַז. ו. ביי דעם לאָנדאָנער אוניווערזיטעט.

דער בערלינער מוזיי איז אויפגעקומען פון צווי פריוואַטע זאַמלונגען, וואָס האָבן געהערט צו: אַלבערט וואָלף און קירטשיין. די ערשטע זאַמלונג איז דער עיקר באַשטאַנען פון מטבעות און מעדאַלן, די צווייטע — פון שול-חפצים און אויך פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן, דער עיקר פון דער יידישער גלאַנץ-עפּאָכע אין שפּאַניען. דער דאָזיקער מוזיי איז דאָס אייגנטום פון דער יידישער קהילה און דער אָנפירער זיינער איז דער קונסט-היסטאָריקער קאַראָל שוואַרץ.

די האַמבורגער זאַמלונגען האָבן צו פאַרדאַנקען זייער אויפקום און אַנטוויקלונג דער „געזעלשאַפט פיר יידישע פאָלקסקונדע אין האַמבורג", וועלכע איז באַשטימט געוואָרן ספּעציעל פאַר יידישן פאָלקלאָר. אָבער מיט דער צייט האָט זי פאַרברייטערט איר טעטיקייט אויך אויפן געביט פון אַרכעאָלאָגיע און היסטאָריע. איצט זאַמלט זי מיט גרויס פלייס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערצו. די זאַמלונגען פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט געפינען זיך אינם הויז פון דער לאָזשע „בני-ברית" אין האַמבורג, און אין זייער ספּעציעלן אָרגאַן, וואָס זיי גיבן אַרויס, מעלדן זיי פון צייט צו צייט וועגן נייע צוגעקומענע זאַכן. זייער אָרגאַן איז „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע", וואָס פלעגט דערשיינען פאַר דער מלחמה אין ווין יעדן קוואַרטל. איצט דערשיינט ער אין בענדער. ביז איצט זענען אַרויס צוויי בענדער [1], אונטער דער רעדאַקציע פון דר. מאַקס גרונוואַלד.

אין די האַמבורגער זאַמלונגען געפינען זיך דערהויפּט צייכנונגען, וואָס האָבן ספּעציעל אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין האַמבורג: שטאָט-בילדלעך, יידישע טיפּן, מיטלאַלטערלעכער הומאָר א. אַז. ו.

1) יאהרבוך פיר יידישע פאָלקסקונדע, באַנד 1, בערלין, 1923, באַנד 2, 1925. אין יאָר 1930 איז דערשינען אַ העפט פון דער פאָלקסקונדע.

די בראוינשווייגער זאַמלונגען זענען ספּעציעל היסטאָרישע און האָבן אַ שייכות בלויז צו דער יידישער קהילה אין אָט־דער שטאָט. די בראוינשווייגער קהילה האָט צו פאַרדאַנקען איר אַנטשטייונג אַ רייכן ייד דוד אַלעקסאַנדער (1765–1687), וועלכער האָט דאָרטן אויפגעבויט אַ שול און אָנגעזאַמלט אַסך פּאַרצייטישדיקע חפצים, געגעבן צו העפטן טייערע פּרוכתן א. אַז. וו. פון די דאָזיקע חפצים איז אויסגעוואָקסן דער יסוד פון דעם יידישן מוזיי אין בראוינשווייג, וועלכן דר. ג. ריליף האָט געווידמעט אַן אַרטיקל אין אויבנדערמאָנטע „מיטטיילונגען צור יידישען פאָלקסקונדע״. עס איז געווען צו דער צוויי־הונדערט־יעריקער יאָרצייט זינט די קהילה איז אויפגעקומען, — אין 27טן פעברואַר 1907 יאָר [1].

די ווינער זאַמלונגען געפינען זיך אין „יידישעס מוזעום״ (אויף דער מאַלצגאַס). זיי נעמען אַריין גראַווירן און בילדער, שול־חפצים און שטוב־חפצים. צווישן זיי — אַ מאַסע פאָלאַניקומס, וואָס מ׳האָט געקויפט אין גאַליציען, אָדער געקריגן במתנה. זייער שיין האָט דער מאָלער קויפמאַן גרופּירט די שטוב־חפצים אין דער אַזוי־גערופענער „גוטע שטוב״, וואָס שטעלט־פאָר אַ פּרייטיק־צונאַכטס אין אַ יידישער שטוב אין פּוילן, ערגעץ אין אַ העק, אין מיטן פון 19טן י. ה. רייך איז די זאַמלונג פון צייכנונגען און פּאָרטרעטן פון יידישע כלל־טוער און שריפטשטעלער פון אַלע עפּאָכן און לענדער [2].

די פראַנקפורטער זאַמלונגען פאַרדאַנקען זייער אָנהייב

1) נישט קיין גרויסע, אָבער וויכטיקע זאַמלונגען פאַרמאָגן דער האַמבורגער מוזיי פון קונסט־געווערב, לואיטפּאָלד־מוזיי אין ווירצבורג, דער סינאַגאָגע־מוזיי אין וואָרמס א. אַ. זע: טעפּליץ: יידישע מוזייען, „דער יודע״, 8, 1924, ז. 339–346, ווו דער מחבר פאָדערט אויף די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד, אַז מ׳זאָל צענטראַליזירן די יידישע אַנטיקן אין פראַנקפורטער מוזיי.

2) פיהרער דורך דאַס ייד. מוזעום, ווין, 1906. די געזעלשאַפט, וואָס האָלט אויס דעם ווינער מוזיי, האָט מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אַ ביולעטען מיט אויסגעצייכנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישער קונסט, געשריבן פון פרי־פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער פּראָפ. דוד קויפמאַן: 1. די לייבן אונטער דעם ארון־קודש אין אַסקאָלי און פּעזאַראָ, 2. ר׳ שמואל אַרכיוואָלטי וועגן בלומען־אָרנאַמענטן אויף די ווענט פון די שולן. 3. די קונסט אין די פּוילישע הילצערנע שולן (אויפן סמך פון בערסאָנס פאָרשונגען).

פאַרשטאָרבענעם היינריך פראַובערגער, דעם פאַרוואַלטער פון שטאָטישן האַנטווערקער-מוזיי אין דיסלדאָרף, וואָס האָט געקאָנט פאַראינטערעסירן פאַר יידישער קונסט און יידישע אַלטערטימלעכקייטן די רייכע ספערן פון דער פראַנקפורטער פינאַנץ-וועלט. ער האָט אויך אָרגאַניזירט „די געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג יידישער דענקמעלער" און געקריגן געלט אויף דער רייכער אויסגאַבע: „מיטטיילונגען צור ערפאָרשונג יידישער דענקמעלער". פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זענען אַרויס 6 בענדער (אין 5 כרכים). אינם ערשטן באַנד האָט פראַובערגער אויפגעקלערט דעם „צוועק און ציל פון דער געזעלשאַפט". דער צווייטער באַנד אַנטהאַלט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן „בוי און אָרנאַמענטאַציע פון שולן". דער דריטער און פערטער הייסן: „איבער אַלטע חפצים פון שול און היים". דער פינפטער באַנד פאַרנעמט זיך מיט אילומינירטע כתב-ידן און דער 6טער באַנד אַנטהאַלט די אַרבעט פון גראָטע וועגן די שולן אין טשעכיען, דייטשלאַנד און פוילן פון 11טן ביזן 19טן י. ה. [1]. אין די דאָזיקע פובליקאַציעס איז פאַראַן אַסך פאַלאָניקומס, סיי פון אַמאָליקע רעפּראָדוקציעס (בערסאָן, גלאָגער א. אַז. וו.), סיי לויט די נייסטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, ספּעציעל פון גראָטען, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט שטודירט דאָס אַלץ אין גאַליציען.

אין יאָר 1908 האָט אָט-די געזעלשאַפט איינגעאָרדנט אין דיסלדאָרף אַן אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן, וואָס האָט געהאַט 1506 עקספּאָנאַטן, צווישן זיי אַסך פאַלאָניקומס. ביי דער געלעגנהייט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּרעכטיקן קאַטאַלאָג, שיין באַאַרבעט און רייך אילוסטרירט [2]. דער דאָזיקער איז גלייכצייטיק אַ גוט האַנטבוך פאַר זאַמלער פון יידישע אַנטיקן.

ליידער האָט, אָבער, די געזעלשאַפט נאָך דער מלחמה און נאָך פראַובערגערס טויט זיך נישט געקאָנט געהעריק רעאָרגאַניזירן און זי

1) אַ מין המשך פון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז: קראַוטהיימער, מיטעלאַלטערליכע סינאַגאָגן, בערלין, 1927.

2) אויסשטעלונג פון יידישע בנינים און חפצים פאַר שול און היים, אין אָבּילדונגען און אָריגינאַלן, פראַנקפורט, 1908, זייטן 166, טאַבעלעס 55 (דייטש).

לײדט איצט כסדר אויף מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען. די פאַרלעגנערישע טעטיקייט פונ דער געזעלשאַפט, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט, איז איצט כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. אָנשטאָט די אויבנדערמאָנטע „מיטטײלונגען" דערשײנען איצט יערלעך דינע העפטן א. נ. „נאָטיצבלאַט", און טײלמאָל גײען זײ צו בלויז ווי אַ צוגאָב צו אַנדערע אויסגאַבעס. דאָס אײנציקע, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אויפטון, איז דאָס, וואָס מ'האָט די אַנטיקן ווי געהעריק אײנגעאָרדנט אין דער געבײדע פון דער פראַנקפורטער קהילה, אין די אַלטע לאָקאַלן, ווו ס'האָט אַמאָל געוווינט די פאַמיליע ראָטשילד, דער איצטיקער פאַרוואַלטער, ה' ע ר י ך ט ע פ ל י ט ץ האָט אין „נאָטיצבלאַט" נומער 15 געגעבן אַ קורצע באַשרײבונג פון אָט-דעם מוזײ און אין „נאָטיצבלאַט" נומ. 21-20 פאַרעפנטלעכט אַ מין קאַטאַלאָג פון דער יובל-אויסשטעלונג, וואָס איז אײנגעאָרדנט געוואָרן אין האַרבסט 1928 לכבוד דער 30-יעריקער עקזיסטענץ פון דער געזעלשאַפט [1].

דער פ ר אָ ג ע ר מוזײ איז נישט ספּעציעל רײך, אָבער פײן אײנגעאָרדנט אין אַ טורעם אויפן יידישן בית-עולם. ס'איז דאָרטן פאַראַן אַ צעך-פאָן פון קצבים און אויך אַ סך אַרכיוואַלן, צײכנונגען און כלי-קודש [2].

די מ אַ י נ צ ע ר זאַמלונגען געפינען זיך אין די פּרעכטיקע סאַלאָנען פון דער נײער קהילה-געבײדע, בײ דער שײנער סינאַגאָגע. ס'געפינען זיך דאָרטן שול-חפצים, וואָס זענען געבליבן פון אָט-דער קהילה, וועלכע האָט זײער אַ רײכע פאַרגאַנגענהײט, און פון אַנדערע רהײנישע קהילות. ס'זענען דאָרט אויך פאַראַן אַסך אַרכיוואַלן, וואָס האָבן אַ גרויסע באַדײטונג. אויף די ווענט הענגען פּרוכתן און בילדער פון באַרימטע מענטשן, קאַריקאַטורן א. אַז. וו.

די ד אַ נ צ י ג ע ר זאַמלונגען זענען געשענקט געוואָרן פון ל ע ס ס ע ר ג ע ל ד ז ש י נ ס ק י (1904) און באַשטײען דער עיקר פון לײכטער, חנוכה-לײכטער און אַנדערע מעשענע חפצים, אויך פיליגראַנירטע אויס-

---

1) אין 1925 י. האָט די פראַנקפורטער געזעלשאַפט אײנגעאָרדנט אַ היסטאָרישע אויסשטעלונג פון דער געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין דער דאָזיקער שטאָט. אַ קורצע באַשרײבונג: מ א י ר, אין מנורה, 1925, העפט 6.

2) ל י ע ב ע ן: דאָס יידישע מוזעאום אין פראַג, 10 זײטן און 15 בילדער-טאָוולען.


מן — זאלין בית דין מוזן היבן · ווס לא ברשות רוב
ראשים וטובים · ועכל מין גבות שום עדות אם
הבעל דין בעיר והעדים לא יסעו לדרך רחוקה · רק התובע יתבע
לבעל דין · ואם יכפור תביעתו · אז יגבה עדותו בבית דין · ומטרותי
כי דינא בכדי לאה ·
דיא — סופרים זאלין נוהג זיין ביותר אין זיירן שרייבן שלא יכלא
אותיות ידם דבר שאינו אתוקן חו · ואם העסק הוא דבר גדול
או דבר קטנה · יכתבו בראש העתקה קודם שיכתבו בקלעני בוך · ויראו
העתקה לשני הבעלדים · אם היא נכתבת כהלכתה ·
וכעיט הגהה בפנקס אן בקלעני בוך · יקוים בסוף העתק כתיבת טהרותי ·
הגבאים — זיין מחויב צו גין מיין מיקלכי אין זיין
חודש אין אלין היינה דיא דא זיין לברכה ·
באורחן ומבקרין לכל הקהלות פעם אחד בכל חודש שלו · אונ זאלין
זעהן וויא זיך דיא ענייס נוהג זיין · אך דיא בעדיר אויך דיא קלויזים

40. זייטל פון דעם סטאַטוט פון דער קראָקעווער קהילה פון דעם יאָר 15, יידיש (שנת לפ"ק), אַרכיוו פון דער "ייִדישע" קהילה אין קראָקע.

אַרבעטונגען פון זילבער, אַמולעטן וכדומה. זיי געפינען זיך אין אַ צימער ביי דער סינאַגאָגע [1]. די ה ע ס ע ר זאַמלונגען באַשטייען פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן פון די קהילות אין פולדאַ, האַנאו, וואָלפהאַגען און קירכהיין. אָט-די זאַמלונגען געפינען זיך אין לאַנד-מוזעום אין קאַסעל און שטייען אונטער דער שוץ פון אַ באַזונדערער געזעלשאַפט: דעו' יידישער מוזייען-פאַריין און זיין פאַרוואַלטער, ד ר. ר ו ד אָ ל ף ה אַ ל ל אָ [2].

אין יאָר 1925 זענען אין די רהיין-שטעט אַאַכען, דיסלדאָרף און אין קעלן געעפנט געוואָרן די יובל-אויסשטעלונג לכבוד דעם 1000טן יאָר זינט דער רהיין איז איבערגעגאַנגען צו דייטשלאַנד. אויף די ערשטע צוויי אויסשטעלונגען זענען אַסך יודאַיקעס נישט געווען. דערפאַר איז, אָבער, געווען פון דעם מין אין קעלן אַזויפיל, אַז ווען מ'נעמט זיי צונויף צוזאַמען וואָלט מען געקאָנט פון זיי אַליין שאַפן אַ ־ייכע אויסשטעלונג פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן. ס'זענען דאָרט געווען אָריגינעלע מצבות, וועלכע מ'האָט געבערענגט אַהער פון מוזייען, אויך צייכנונגען אויף מצבות, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין די רהיין-קהילות. ס'איז דאָרטן געווען אַ גאַנצע דאָרפישע שול (פון האָלץ), אַ יידישע שטוב אין דער סדר-נאַכט, פאַרשידענע פריווילעגיעס און אויך פאַרשידענע חפצים פון דער שול און היים [3].

אויך אויף דער פרעסע-אויסשטעלונג אין קעלן אין יאָר 1928

1) קאַטאַלאָג דער אַלטען ייד. קולטוסגעגענשטענדע — געלדזשינסקי-שטיפטונג — אין דער נויען סינאַגאָגע אין דאַנציג, 1904, 13 זייטן, 127 אָביעקטן. אַ כאַראַקטעריסטיק פון די מ אַ י נ צ ע ר זאַמלונגען — מ ע ט ץ פ ע ט ע ר: די ייד. אַלטערטימער. מנורה 1927, 767—782.

2) ה אַ ל ל אָ ר ו ד אָ ל ף: ייד. קולטור אונד קונסטדענקמעלער אים העססישען לאַנדעס-מוזעום אין קאַסעל. דער זעלבער: יידישע פאָלקסקונסט אין העססען. פעסטשריפט צו דער סיני-לאָזשע צו קאַסעל, 1928.ביידע אָפּהאַנדלונגען — רייך אילוסטרירט. אין דעם יאָר 1928 איז געווען אין וו אַ ר ב ו ר ג אַן אויסשטעלונג אונטער דעם נאָמען: ר ע ל י ג. ק ו נ ס ט א י ן ה ע ס ס ע ן, זע: ה אַ ל ל אָ: יידישע קונסט-אַלטערטימער אויס עדעלמעטאַל אין דער אויסשטעלונג אין מאַרבורג. „גאָטיצבלאַט דער געזעלשאַפט צור ערפאָרשונג ייד. קונסטדענקמעלער" אין פראַנקפורט. 1929 נ"ר 23—24.

3) ק אָ ט אַ ל אָ ג: יאָהרטויזענד-אויסשטעלונג דער ריינלאַנדע. קעלן, 1925. זייטן 315—339 באַארבעט פון ראַב. דר. ק אָ ב ע ר. זע אויך: ט ע פ ל י ץ אין מנורה 1925 נ"ר 8.

א. נ. „פּרעססאַ” איז אין יידישן פּאַוויליאָן געווען אַ רעטראָספּעקטיווע אָפּטיילונג, ווו ס'איז געווען אַ היפּש ביסל היסטאָרישע חפצים.

לײדער איז די דאָזיקע היסטאָרישע אויסשטעלונג געווען זייער אָרעם אין פאַרגלייך מיט די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע היסטאָרישע רעטראָספּעקטיווע טיילן. אַביסל אַלטע ביכער (נישט די עלטסטע), אַ שלעכטער מאָדעל פון אַ בית-המדרש, עטלעכע צענטליק פּאָרטרעטן פון יידישע כלל-טוער (איבערהויפּט אין פראַנקרייך) — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַוויזן צונויפצוקלייבן אויף דער וועלט-אויסשטעלונג [1].

די יונגסטע, אָבער גלייכצייטיק די לעבעדיקסטע, איז די געזעלשאַפט פון יידישע מוזייען אין ברעסלוי, וואָס האָט אין מערץ 1929 איינגעאָרדנט אַ פּרעכטיקע אויסשטעלונג אונטער דעם דעוויז: „דאָס יידנטום אין דער געשיכטע פון שלעזיע”. מיט דער ווייסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון אָט-דער אויסשטעלונג האָט זיך פאַרנומען דער פאַרוואַלטער פון אַ ברעסלויער מוזיי, פּראָפ. ערווין הינטצע. מ'האָט דאָ צונויפגעזאַמלט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס דאָס שלעזישע יידנטום האָט געקאָנט צונויפנעמען. די אויסשטעלונג האָט געהאַט דריי הויפּט-אָפּטיילונגען: 1) די יידישע פאַרגאַנגנהייט אין שלעזיען אין צייכנונגען, 2) כלי-קודש און היים, 3) אַרכיוואַלן (קעניגלעכע פּריווילעגיעס, די טעטיקייט פונם גלח קאַפּיסטראַנאָ, גירוש-באַפעלן און דרוק-זאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז די רייכסטע אָפּטיילונג איז געווען די צווייטע, וואָס איז צעפאַלן אויף עטלעכע אונטער-אָפּטיילונגען. אַ ליבער אָנדענק פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג בלייבט דער רייכער און שיין-אילוסטרירטער קאַטאַלאָג, וועלכן ס'האָט באַאַרבעט פּראָפ. ערווין הינטצע מיט דער הילף פון יידישע געלערנטע: דר. לואי לעווין און דאָצענט ישראל ראַבין [2].

1) יידישע זאַנדערשאַו דער פּרעססאַ צו קעלן. מנורה, 1928. נומערן 6—8. זע אויך: קורצער פיהרער דורך די ייד. זאָנדערשאַו דער פּרעססאַ 1928, קעלן. מ'האָט דאָרטן אויך אַרויסגעגעבן „שריפטן דער ייד. זאָנדערשאַו”... לין יוסף: די העברעישע פּרעסע, ווערדעגאַנג, אַנטוויקלונגס-טענדענצן, ילקוט-פאַרלאַג, בערלין, 1928.

2) קאַטאַלאָג דער פאָם פעראיין „ייד. מוזעום, ברעסלאַו”, אין דען רוימען דעס שלעזישען מוזעאומס פיר קונסט-געווערבעס אונד אַלטערטימער, פעראַנשטאַלטעטען

אָבער די ברעסלויער געזעלשאַפט באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט דער אויסשטעלונג. זי איז ערשט צוגעטרעטן מיט גרויס באַגייסטערונג צו אָרגאַניזירן די מוזייען און מוזייאָלאָגן פון גאַנץ אייראָפּע. צוליב דעם האָט זי איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענפאָר פון געלערנטע, ווו ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַן אַ. ג. „אַרבעטגעמיינשאַפט״, דאָס איז אַ לויזע אָרגאַניזאַציע פון מוזייען און פאָרשער פון יידישע אַלטערטימלעכקייטן.

כ׳וועל דאָ נישט אויסרעכענען נאָך אַנדערע זאַמלונגען, בעיקר אין מערב-אייראָפּע, אין פראַנקרייך, בעלגיע, אַמסטערדאַם און איבער-הויפט לאָנדאָן, ווו די יידישע געזעלשאַפט (דזשואיש היסטאָריקאַל סאָציעטי) זאַמלט אָן אַ שיעור אַנטיקן, דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון ענגלאַנד [1]). כ׳קאָן בלויז זאָגן איינס: אַז אין די אַלע זאַמלונגען – אויף וויפל כ׳האָב זיי אַליין געזען, אָדער אויף וויפל כ׳וויס פון קאַטאַלאָגן און אילוסטראַציעס – זענען פאַראַן אַסך פון פוילן, וועלכע זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אַהין בעת דער שטאַרקער עמיגראַציע אין דער העלפט פון 17טן י. ה. און שפעטער, אָדער – וואָס זענען דאָ אין לאַנד אָפּגעקויפט געוואָרן דורך אַנטיקוואַרן און קונסט-הענדלער און דאָרט פאַרקויפט געוואָרן פאַר גרויס געלט. אַממיינסטן האָט מען די אַנטיקן אָנגעקויפט אין פוילן באַלד נאָך דער איצטיקער מלחמה, נאָך די אוקראַינער-פּאָגראָמען און נאָך דעם פאַנישן אַנטלויפן פון יידן אין גרויס-פוילן און פּאָמערן. אַסך האָבן צוגענומען די אָקופּאַנטן, כלומרשט אויף שמעלץ, צו גיסן האַרמאַטן-קוילן, אָדער האַרמאַטן גופא. פאַקטיש האָט מען מיאוס געהאַנדלט מיט פרעמדע אוצרות [2]). זייער אַסך אַלטערטימלעכקייטן און אפשר די סאַמע בעסטע האָבן אויסגעקויפט ביי אונז אַמעריקאַנער אין דער צייט פון דער אינפלאַציע און דעוואַלוואַציע און אַוועקגעפירט פאַר זייערע געזעלשאַפטלעכע אָדער

---

אוסשטעלונג: דאָס יודענטום אין דער געשיכטע שלעזיענס, פערפאַסט פאָן ערווין הינטצע, מיט 20 טאַפעלן, 3 פעברואַר ביז 17 מערץ 1922, זייטן 126.

(1 Mocatta Library et Museum University College London, Report of The Committe for 1928, London 1928.

2) אין דער צייט, ווען מ׳האָט ביי אונז רעקוויזירט מעש און אייזן, האָט מען אין די ווינער און בערלינער אַנטיקוואַרן פאַרקויפט די שענסטע זאַכן, וואָס מ׳האָט אוועקגעשלעפּט פון פוילן.

פריוואַטע מוזייען. אַפילו נאָך אַסך פאַר דער מלחמה זענען געווען פיל פוילישע אַנטיקן אין דער יידישער אָפּטיילונג אין וואַשינגטאָנער רעגירונגס-מוזעום, ווי ס׳ווייזט דער קאַטאַלאָג, וואָס איז געוואָרן באַאַרבעט (און רייך אילוסטרירט) דורך צירוס אַדלער און מ. כאַזאַנאָוויטש [1]

* *

*

ווי אָרעם מיר זענען אין פוילן אין פאַרגלייך צו דעם, וואָס ס׳ווערט אויף דעם געביט אויפגעטון אין אויסלאַנד! דריי קליינע מוזייען פון יידישע אַנטיקן (אין וואַרשע, קראָקע און אין ווילנע), עטלעכע פריוואַטע זאַמלונגען (פרילוצקיס, מינצס, דר. גאָלדפלאַמס, פאַוועס, איבערבלייבענישן נאָך דער באַרימטער אַרטיסטין אסתּר-רחל קאַמינסקי [2]) און נאָך י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן — אין וואַרשע, די זאַמלונגען פון מאַקסימיליאַן גאָלדשטיין און דר. רייכענשטיין אין לעמבערג, אַביסל יידישע אַנטיקן אין עפּנטלעכע זאַמלונגען, ווי צ. ב. אין „גרויספוילישן מוזעום” אין פּויזן (בשמים-ביקסלעך), אין לובלינער מוזיי (מעשענע חנוכּה-לעמפּלעך), אין נאַציאָנאַלן מוזיי אין קראָקע (אַ ירושה נאָכן פאַרשטאָרבענעם ראַט שטערנשוס [3]), אין „געווערבע-מוזעום” אין לעמבערג, אויך אין נאַציאָנאַלן און מיליטערישן

---

1) Adler Cyrus and Chasanowicz I. M. Descriptive Catalogue of a Collection of objects of jewish ceremonial Deposited in the U. S. National Museum by Hadji Efraim Bengujat.

די זעלבע The Collection of Jewish ceremoniał objects in the U. S. National Museum, Washington, Gouvern. Printint Office, 1908.

2) דער אסתּר-רחל קאַמינסקי-מוזיי איז דורך די יורשים פון דער פאַרשטאָרבענער איבערגעגעבן געוואָרן דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס האָט געדינט אַלס אַ יסוד פאַר אַ טעאַטער-מוזיי א. נ. פון א. ר. קאַמינסקי. אין דעם טעאַטער-מוזיי זענען דאָ פיל אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן פון דער געשיכטע פונם יידישן טעאַטער. זע׳ ידיעות פון ייוו״א נ״ר 29 פון 28 פעבער, 1930.

3) דער ראַט פון פינאַנצן-פּראָקוראַטאָריום, דר. שטערנשוס, פלעגט זאַמלען יידישע לייכטער און אַנדערע כּלי-קודש אין זיין וואוינונג אין לעמבערג אויף פּיעקאַרסקע, ער איז אומגעקומען אין דער וועלט-מלחמה ווי אַ לעגיאָניסט.

מוזיי אין וואַרשע. דאָס איז כמעט אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן און וואָס איז מער-ווייניקער געוואָרן אינווענטאַריזירט.

דער וואַרשעווער מוזיי געפינט זיך אין דער קהילה-געביידע און איז אינגאַנצן אַ מתנה פון איין מענטש, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געזאַמלט יידישע אַנטיקן, כדי זיי איבערצולאָזן בירושה. דאָס איז — מאַטיאַש בערסאָן, אַ ליבהאָבער פון קונסט און גלייכצייטיק אַ קונסט-היסטאָריקער [1].

זיינע זאַמלונגען, פון וועלכע ס׳באַשטייט דער מוזיי, געפינען זיך אין אַ גאַנץ ענגן צימער, אַזוי, אַז ס׳זעט גיכער אויס, ווי אַ מאַגאַזין, אָדער אַן אַנטיקן-געשעפט, איידער ווי אַ מוזיי, וואָס דאַרף זיין באַשטימט פאַר שטודיע-צוועקן. אויך די מוזיי-ביבליאָטעק, וואָס באַשטייט פון 2000 בענדער, איז פאַרשלאָסן אין שענק און ס׳איז שווער צו זיי צוצוקומען.

דער גרעסטער טייל פון די זאַמלונגען באַשטייט פון בילדער און פאָרטרעטן: מייזעלס, שטערנס, צילקאָווס, דאַווידזאָנס, וויעלאָפּאָלסקיס, לעלעוועלס, לעסערס, טוגענדהאָלדס, אייזענבוימס און פון נאָך אַנדערע יידישע (און נישט-יידישע, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט יידישע ענינים) כלל-טוער. ס׳הענגען דאָ צייכנונגען פון שבתי צבי און יעקב פראַנק [2]) און פון זיין טאָכטער, אויך פון מענדעלסאָנען א. אַז. וו. אין גרויס ענגשאַפט הענגען אויף דער וואַנט פאָטאָגראַפיעס פון הילצערנע שולן אין פוילן [3]), דער אינעווייניקסטער אויסזען פון דער אַלטער זשולקעווער שול (געצייכנט פון קאָקולאַס), אַ שטימונגס-בילד פון קאַזשי-מיעזש הינטער קראָקע (געצייכנט — קאָניושקאָ), אַן אויטאָגראַף פון סטאַשיצן [4]), אַ העברעישער נעקראָלאָג פון לעלעוועל (1861) און פון

1) זע די ביאָגראַפיע פון מאַטיאַס בערסאָן און זיין ווערק, וואָס זיין איידעם אַלעקסאַנדער קראַוסהאַר האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט:
Dyplomatarjusz, dotyczący Żydów w Polsce, 1910 וואַרשע

2) רעפּראָדוצירט דורך קראַוסהאַרן אין זיין בוך: פראַנק און די פּוילישע פראַנקיסטן וואַרשע, 1895.

3) רעפּראָדוצירט דורך בערסאָנען אין זיינע דריי אָפּהאַנדלונגען „וועגן הילצערנע שולן אין פוילן״.

4) אַ בריוו, אין וועלכן ער לייגט פאָר מ׳זאָל אָננעמען אברהם שטערן פאַר אַ מיטגליד אין דער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט אין וואַרשע.

אַסך אַנדערע. די אמתע פערל פון דעם דאָזיקן מוזיי זענען די אילו-מינירטע און אילוסטרירטע כתובות. ספעציעל זענען אינטערעסאַנט: די כתובה פון פאָרפאָלק דיספאַנאָסאַ אין ווענעדיג פון י. 1677. די כתובה פון פאָרפאָלק ראַוועננאַ אין וועראָנאַ 1656 י.), פון דעם פאָרפאָלק פאַנטוס און באַזיליאַ אין מאָדענאַ (1672 [1]) א. אַ. לעצטנס האָט זיך איינגעגעבן צוצוקויפן אַ גרויסע יקר-המציאות — יעקב פראַנקס כתב-ידן אין עטלעכע בענדער, אויף פויליש, געשריבן פון זיינע געשמדטע תלמידים (1792).

אַ גרויסע טייל פון די זאַמלונגען באַשטייען פון חפצים אין שול און אין היים, ווי לייכטער, „סאַבאַטניקעס", בלעכן, כתרים אויף ספרי-תורה, ידן, מגנים, חנוכה-לעמפלעך, בשמים-ביקסלעך. אויף אַ טייל פון זיי זענען פאַראַן די נעמען פון די מייסטער, אָדער פון די מנדבים. אויף די ווענט הענגען עטלעכע פרוכתן מיט כפורתן פון גאָר אַ פיינעם קוואַליטעט. אויף די טישן, אין מיטן צימער, זענען אויסגעלייגט סידורים אין כתב-יד און געדרוקטע אינקונאַבולן און צימעליאַ, אַ טייל פון זיי — אין זילבערנע טאָוולען און רייך אילומינירט, אויך פינגערלעך, רינגלעך, מעדאַליאָנען א. אַ.

אָבער אָט די גאַנצע זאַמלונג איז טויט, ווייל זי איז שלעכט צונויפגעשטעלט און ווערט לחלוטין נישט קאָמפּלעטירט. פאַר דער מלחמה האָט די קהילה באַשטימט יערלעך אַ סומע פון 600 רובל אויף איינצוקויפן אַנטיקן. היינט פיגורירט, אמת, אין דעם קהילה-בודזשעט אַ סומע פון 5000 גילדן אויף דעם זעלבן צוועק, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אויסער דער אָרעמער פענסיע, וואָס ס'קריגט דער פאַרוואַלטער, (וועלכער איז, אגב, באַשעפטיקט אויך אין אַן אַנדער ביוראָ פון דער קהילה), גיט מען נישט אויס פון דער סומע קיין גראָשן, און מ'לאָזט גאַנץ אָפט דורך די געלעגנהייט אָפּצוקויפן אַ יקר-המציאות. אמת, די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה פּלאַנט אויסצובויען (אַ צובוי) אַ נייעם באַקוועמען לאָקאַל פאַר די מוזעאַלע זאַמלונגען, אָבער דאָס איז אַן

1) וועגן דער כתובה בכלל זע די אָפּהאַנדלונג פון משה גאַסטער: די כתובה אין איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג" (יידיש), בערלין-לאָנדאָן, 1923 מיט אַסך פאַרביקע אילוסטראַציעס. אין פוילן האָט מען זיך נישט באַנוצט מיט קיין קינסטלערישע כתובות, נאָר מ'האָט זיי געשריבן קאַליגראַפיש, היינט דרוקט מען פאָרמולאַרן אויף שלעכט פּאַפּיר אוןָ דערנאָך ווערן זיי אויסגעפילט.

ענין פון דער צוקונפט, און ווער ווייסט פון וואָס פאַר אַ ווייטער צוקונפט [1].

די זאַמלונגען פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי אין ווילנע בילדן אויך אַ מוזיי פון יידישע אַנטיקן און די עקספּאָנאַטן זענען פון זעלבן מין, וואָס אין וואַרשעווער מוזיי. דער חילוק איז בלויז דער, וואָס די ווילנער שטאַמען דער עיקר פון מזרח-פוילן און אַפילו צענטראַל-רוסלאַנד. אַחוץ אַנטיקן איז דאָרט פאַראַן אַ היפּשע צאָל מאָדערנע קונסט-בילדער (בילדער און סקולפּטורן [2]), אויסער דעם אַסך חפצים, וואָס געהערן צו פאָלקס-קונסט, אויך אַ זאַמלונג פון יידישן פאָלקלאָר. ביי די דאָזיקע זאַמלונגען עקזיסטירט אויך אַן אַרכיוו, אין וועלכן ס׳זענען אויפגעהיטן פאַרשידענע דאָקומענטן, דער עיקר בריוו פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, יידישע ליטעראַטן א. אַ. מיט עטלעכע חדשים צוריק (ווינטער 1929 זענען אָנגעקומען עטלעכע קאַסטנס מיט פאָלקלאָריסטישע זאַמלונגען און אויך אַנ—סקיס בריוו, וואָס האָבן באַרייכערט דעם מוזיי [3]).

די קראָקעווער זאַמלונגען זענען צעטיילט אויף צוויי מינים: פּרוכתן און כפּורתן, וואָס שטאַמען פון דער איצטיקער אַלטער שול, און פון נאָך עטלעכע שולן, וואָס עקזיסטירן שוין איצט נישט זיי געפינען זיך אין אַ באַזונדערן מוזיי איבער דער אַלטער שול. אַלטע דרוקן, דערפאַר, פּריווילעגיעס און מיטלאַלטערלעכע כתב-ידן (פּנקסים) ליגן אין דער קאַסע פון דער יידישער קהילה. סיי די ערשטע, סיי די אַנדערע געפינען זיך, הייסט עס, אין נישט אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען, ווייל סיי דאָ און סיי דאָרטן ווערט אַ תל פון די טייערע חפצים. די אַלטע

---

די
דער בערסאָן-מוזיי האָט אַ געשריבענעם קאַטאַלאָג. ביז איצט האָט די
פאַרוואַלטונג פון דער קהילה וויסנשאַפטלעך נישט באַאַרבעט און נישט אָפּגעדרוקט אָס-
דעם קאַטאַלאָג

2) צ. ב. ש. סקולפּטורן פון אַנטאָקאָלסקי, אַראָנסאָן, גינזבורג, אַסך צייכנונגען פון ווילנער גאון און אַנדערע ווילנער חכמים

3) משה שאַליט: דער אַנ—סקי-אַרכיוו, זיין אינהאַלט און ווערט, „ליטעראַרישע בלעטער" נ׳ 16, 1929. וועגן די ווילנער זאַמלונגען אין אַלגעמיין — זע שאַליטס אַן אָפּהאַנדלונג אין לוח פון צענטראַלן פאַריין פון יתומים-פאַרזאָרגונג „פון יאָר צו יאָר" 1928.

פּרוכתן צעפֿאַלן זיך און קיינער קאָנסערווירט זיי נישט [1]. די אַלטע דרוקן ווערן אויפֿגעגעסן פֿון מולן אַזוי, אַז בקרוב וועט פֿון זיי גאָר-נישט בלייבן [2].

ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קראָקעווער קהילה אַריינצוקריגן אין איר רשות די אַנטיקן, וואָס געהערן צו באַזונדערע שולן. די גבאים פֿון די דאָזיקע שולן ווילן נישט איבערגעבן דעם קהילה-מוזיי זייערע אויסגעצייכנטע פּרוכתן און זילבערנע חפצים און זיי האַלטן עס ביי זיך אין זייערע פֿאַרשטויבטע קאַסטנס. (צ. ב. ש. רמא"ס שול און אין דער הויכער שול), ווו טייערע פּרוכת און כּפּורתן ווערן צעריבן און צעשאָטן.

און פּונקט ווי אין קראָקע ווערן קאַליע כּמעט פֿאַר אונזערע אויגן טייערע אַנטיקן אויך אין אַנדערע שטעט פֿון דער רעפּובליק און קיינעם גייט עס נישט אָן. און דאָרטן, ווו עמעץ האָט שוין וועלכן-ס'איז אינטערעס פֿאַר קאָנסערוואַציע, טוט ער עס אָן דעם מינדסטן געשמאַק, ווי מיר זעען עס אָפֿט בעתן רעסטאַווירן פּרוכתן. בלויז אין לעמבערג האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז נויטיק וויסנשאַפֿטלעך און פֿאַכמעניש זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער קאָנסערוואַציע פֿון יידישע אַנטיקן און מ'האָט אָרגאַניזירט ביי דער יידישער קהילה אַ קוראַטאָריום צו באַשיצן אַנטיקן פֿון יידישער קונסט. אָט דער קוראַטאָריום האָט אין 1928 [3] אַרויסגעגעבן אַ שיין געדרוקט ביכל מיט אַ דין-וחשבון וועגן זיין נוצלעכער טעטיקייט. אַזוי-אַרום האָט מען אין לעמבערג אינווענטאַ-

1) די צימערן איבער דער אַלטער שול ווערן לחלוטין נישט געהיצט, און זומער איז דאָרטן אַ היץ נישט אויסצוהאַלטן. די פּרוכתן און כּפּורתן הענגען אויף די ווענט און קיינער פֿראָבעט זיי נישט אויס. ס'איז נישטאָ — נישט קיין קאַטאַלאָג, נישט קיין אינווענטאַר, נישט קיין נומערן אויף די חפצים. כ'האָב אַליין געזען אַ פּרוכת פֿון יאָר 1621, וואָס ווערט צעפֿאַלן אויף שטיקער און קיינער אינטערעסירט זיך נישט מ'זאָל עס אָפּראַטעווען.

2) אין דער קאַסע פֿון דער קהילה-פֿאַרוואַלטונג, אינאיינעם מיט די אַדמיניסטראַציע-ביכער און חבריכים-לייוונט, ליגן דרוקן פֿון 16טן און 17טן י. ה. פֿון קראָקעווער דרוקעריין, קהילה-פּנקסים פֿון פֿאַרשידענע עפּאָכן, דריי פּריווילעגיעס פֿון פּוילישע קעניגן. אויך אָט-די זאַכן האָבן נישט קיין קאַטאַלאָג און קיינער פֿאַרנעמט זיך נישט מיט זיי.

3) באַריכט פֿון קוראַטאָריום פֿאַר די דענקמעלער פֿון ייד. קונסט ביי דער יידישער קולטוס-געמיינדע אין לעמבערג, 1928, אויף פּויליש און אויף יידיש, מיט

ריזירט 292 חפצים, וואָס געהערן אָדער צו לעמבערגער שולן, אָדער צו פּראָווינצער (יאַנאָוו, זשולקעוו, קאַמיאָנקע), מ׳האָט אָפּגעפּרישט אַסך זילבערנע שול-חפצים און פּרוכתן. אויסערדעם האָט מען אין יאָר 1928 איינגעאָרדנט אין לעמבערג אַן אויסשטעלונג פון אַלטע ביכער און אַנטיקן פון יידישע קונסט. די עקספּאָנאַטן זענען געווען בלויז פון לעמבערג [1].

אַז מיר האַלטן שוין ביי דער לעמבערגער אויסשטעלונג, איז כדאי צו דערמאָנען די ערשטע אויסשטעלונג פון יידישע „אַנטיקן“ אין לעמבערג בעת דער לאַנד-אויסשטעלונג פון 1894 יאָר. די יידישע אויס-שטעלונג איז געווען אַ טייל פון דער אַנטיקן-אויסשטעלונג, וואָס איז געווען זייער רייך און גוט צונויפגעשטעלט. פונם קאַטאַלאָג [2] דערוויסן מיר זיך, אַז אויף דער אויסשטעלונג זענען געווען 56 פּרוכתן, פון זיי — 11 פון 16טן יאָרהונדערט, 21 פון 17טן י. ה. און איינס פון 18טן י. ה. ס׳זענען דאָרטן געווען כתבים, לייכטערס, בשמים-ביקסלעך, בלעכן און ידן צו ספר-תורהס. דערביי 1 פון זעכצנטן יאָר (טאַרנאָפּאָל), 7 פון זיבעצעטן (יאַנאָוו, בראָדע, ריישע), די רעשט — פון אַכצנטן י. ה., אַחוץ דעם אַ פּאָר צענטליק מעשענע חפצים, בעיקר — פון 17טן י. ה. ליידער זענען אָט-די זאַכן נישט געווען גרופּירט ווי געהעריק (די פּרוכתן זענען געהאָנגען איינס לעבן אַנדערן נישט לויט אַ סדר פון די יאָר-הונדערטער), אויך נישט גענוג היסטאָריש אויסגעפּאָרשט און פאַרצייכנט, אַזוי, אַז דער וואָס האָט באַזוכט די אויסשטעלונג, האָט גאַנץ ווייניק געקאָנט געניסן פון קאַטאַלאָג [3].

---

אַסך גוטע אילוסטראַציעס. דער עיקר טוער אינם קוראַטאָריום איז דער אינזשיניער יוסף אווין.

1) קאַטאַלאָג צו דער אויסשטעלונג פון לעמבערגער העברעישע ספרים און יידישע דענקמעלער, מאַי—יוני, 1928.

2) קאַטאַלאָג וויסטאַווי זאַביטקאָוו סטאַראָזשיטניך ווע לוואָוויע, 1894 י. לעמבערג, 1894, נומערן 42—217, 245—293.

3) ס׳איז נישטאָ אין קאַטאַלאָג נישט קיין טעקסט, נישט קיין דאַטע פון קיין שום פּרוכת, כאָטש מ׳האָט געקאָנט גאַנץ לייכט אָפּשרייבן סיי די דאַטעס, סיי די טעקסטן. מ׳האָט, אַפּנים, נישט געפּרוּווט אויסזוכן אין לעמבערג אַ ייד, וואָס וואָלט געקאָנט איבער-לייענען אָט-די טעקסטן.

אַביסל „יידישע" אַנטיקן זענען געווען אויף דער אויסשטעלונג פון 1863 יאָר, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לעמבערג אין 1913, צו דער פופציקסטער יאָרצייט נאָך דעם אויפשטאַנד. ס'זענען דאָרטן געווען פּאַרטרעטן פון יידישע אָנטיילנעמער אינם אויפשטאַנד בריוו און דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם דאָזיקן ענין [1]. כדאי אויך דאָ אויפן אָרט צו דערמאָנען, אַז די גרעסטע צאָל בילדער פון דער פּוילישער מאַרטיראָלאָגיע אין סיביר (בערך הונדערט און עטלעכע צענטליק) איז אויסגעשטעלט געוואָרן פון דעם יידישן מאָלער און מאַרטירער אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי [2]. אויך אויף דער אויסשטעלונג פון היסטאָרישע איבערבלייבענישן פונם אויפשטאַנד אין 1863, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין וואַרשע 1918, זענען געווען בילדער פון יידישע עסקנים, וואָס האָבן אָנטייל-גענומען אינם אויפשטאַנד [3].

אַסך שולן האָט מען געזען אויף דער אויסשטעלונג פון קאָנסערוואַטאָרן, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, אין האַרבסט 1927, אינאיינעם מיט דער אויסשטעלונג פון די אַרבעטן, וועלכע ס'האָט אויסגעפירט די אַנשטאַלט פון פּוילישער אַרכיטעקטור ביים וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. מיט דעם דאָזיקן אַנשטאַלט פירט אָן פּראָפ. אָסקאַר סאָסנאָווסקי.

די אויסשטעלונג איז באַשטאַנען פון צוויי גרופּעס, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט: אַרבעטן פון קאָנסערוואַטאָרן, ד. ה., רשימות פון ערטער, ווו ס'געפינען זיך אַלטערטימלעכקייטן, וועלכע מ'דאַרף קאָנסערווירן (קאָנסערוואַטאָרישע מאַפּע), אַחוץ דעם — אַרבעטן פון צוהערער אינם אויבן-דערמאָנטן אַנשטאַלט, צ. ב. ש. אויסמעסטונגען, צייכנונגען און אַפילו מאָדעלן פון אַ גאַנצער ריי שולן אין די פאַרשידנסטע מקומות אין פּוילן. די מאָדעלן פון פערצן (אויב איך האָב

---

1) אַ פירער איבער דער אויסשטעלונג 1863, לעמבערג (פּויליש).

2) דער פאַרגעסענער מאָלער פון דער פּוילישער מאַרטיראָלאָגיע (פּויליש). מ א י ר ב אַ ל אַ ב אַ ן, היסטאָרישע שטודיעס, וואַרשע, 1927, ז. 182—187, מיט 5 צייכנונגען.

3) כוואַליעוויניק, קאַטאַלאָג וויסטאַווי 1863, וואַרשע, 1918, נומערן 1236, 1269, 1274 א. אַז. וו.

נישט קיין טעות) שולן אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדזטווע [1] האָבן געגעבן אַן אויסגעצייכנט בילד פון דער אַרכיטעקטאָנישער רייכקייט און אויך פון דער ליבע, מיט וועלכער דער פּראָפעסאָר און זיינע תּלמידים האבן באַהאַנדלט זייער אַרבעט.

*

* *

**ביבליאָטעקן.** — מיט אונזערע ביכער-זאַמלונגען האַלט עס נישט אַסך בעסער, ווי מיט אונזערע זאַמלונגען פון קונסט-אַנטיקן און שול-חפצים. פון יידישע ביבליאָטעקן, — עפנטלעכע, פּאַכ-מעניש געזאַמלטע, — האָט מען נישט געוווסט אין אַמאָליקן פרייען פוילן. ס׳זענען, אמת, געווען אַסך ביבליאָפילן און מלומדים, וואָס האָבן געזאַמלט ספרים (ספרי תּנ״ך מיט די פּירושים, ש״ס און פּוסקים, שו״ת, קבלה-ספרים און ספרי-מוסר א. אַ.), אָבער די דאָזיקע זאַמלונגען פלעגן אין משך פון עטלעכע דורות צעפּאַלן ווערן און פאַרלוירן גיין צווישן די יורשים, אויב מ׳האָט זיי נישט אָפּגעשריבן פאַר אַ בית-המדרש [2]. בתּי-מדרשים זענען טאַקע געווען אין אַלע פּוילישע שטעט, און ס׳האָבן זיך דאָרטן געפונען גאַנץ אָפט גרויסע ביבליאָטעקן, אָבער מ׳האָט זיך נישט מיט זיי אָפּגעגעבן ווי געהעריק, און מיט דער צייט זענען זיי צעשלעפּט געוואָרן. גאָר אָפט פלעגן זיי אַוועק מיט רויך אין די שרפות, וואָס זענען געווען אַזוי אָפט אין די יידישע קוואַרטאַלן.

שוין אין סוף 17טן י. ה. האָט מען אין אויסלאַנד, דער עיקר אין דייטשלאַנד און איטאַליע, אָנגעהויבן צו זאַמלען ספרים, סיי כתבי-יד, סיי געדרוקטע [3]. איינער פון די ביבליאָפילן פון אַ גרויסן פאַרנעם

1) זאיצשיק: הילצערנע שולן אויף דעם שטח פון דער ביאַליסטאָקער וואָיע-וואָדזטווע. זע די אויסגאַבע: וואָיעוואָדסטוואָ ביאַלאָסטאָצקיע 1929, זייט 44—47.

2) אין פוילן האָט מען אין יאָר 1776 איינגעפירט אַ שטעמפּל-אָפּצאָל פון העברעישע ספרים און אין זעלבן יאָר האָט מען אין יעדער שטוב פאַרשריבן די צאָל ספרים אין פּריוואַט-שטובן און אין שולן. די דאָזיקע אָפּשרייבונגען, וואָס זענען וויכטיק פאַר דער קולטור-געשיכטע, געפינען זיך ביז היינט אין פינאַנץ-אַרכיוו אין וואַרשע.

3) דע ראָסי האָט באַשריבן די כתבי-יד פון די איטאַליענישע ביבליאָטעקן, ס׳איז אויך פאַראַן אַ קאַטאַלאָג פון וואַטיקאַן-ביבליאָטעק פון אַסאַמאַני.

איז געווען דער פּראָגער רב ר׳ דוד אָפּענהיימער, וואָס האָט געלעבט סוף 17טן און אין אָנהויב 18טן י. ה. ער האָט אָנגעזאַמלט בערך 7000 געדרוקטע ספרים און 1500 כּתבי-יד, נאָך אַסך וווּנדערלעכע גילגולים זענען אָט-די ספרים אַריבער אין 1826 אין דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק (באָדעליאַנע) [1].

אַ גרויסע ספרים-זאַמלונג באַזיצט אויך די ביבליאָטעק מאָקאַטטאַ ביי דער לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. די זאַמלונג ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַ קוראַטאָריום, וואָס באַשטייט העלפט פון אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָרן און העלפט – פון דער יידישער געזעלשאַפט אין ענגלאַנד („דזשואיש היסטאָריקאַל סאָציעטי אָף ענגלאַנד” [2]).

אָבער אויך אויפן קאָנטינענט האָט מען שוין פון לאַנג אָנגעהויבן צו זאַמלען ספרים און ביים היינטיקן טאָג עקזיסטירן קודם-כּל רייכע יודאַיִסטישע ביבליאָטעקן ביי די ראַבינער-סעמינאַרס (ברעסלוי, בערלין, ווין, פלאָרענץ א. אַ.). אויך גרעסערע יידישע קהילות, ווין [3], בערלין [4], פּראָג [5], האָבן אָרגאַניזירט רייכע ביכער-זאַמלונגען און זיי באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט, איבערהויפּט – פאַר געלערנטע און סטודענטן. אין לעצטן יאָר-צענטליק איז זיך געוואַלטיק צעוואַקסן די ביבליאָטעק פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס באַזיצט אויפן געביט פון יודאַיִסטיק אמתע פּערל, זעלטענע אינקונאַבולן און צימעליא, וואָס זי האָט געקריגן במתנה פון יידן און נישט-יידן פון דער גאַנצער וועלט [6].

---

1) מ. באַלאַבאַן, „היסטאָריאַ אי ליטעראַטוראַ זשידאָווסקאַ”, 3 באַנד, ז. 307

2) זע אויבן, זייט 275, באַמערקונג 3.

3) קריסטיאַמפּאָללער: „די ביבליאָטעק דער וינער קולטוס-געמיינדע, איהרע ענטשטעהונג אונד ענטוויקלונג”, מנורה, 1926. ז. 709. אויסגעצייכנטע קאַטאַלאָגן פון אָט-דער ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן בערנאַרד וואַכשטיין, איר איצטיקער דירעקטאָר. די טיטולן – זע ווייטער, זייט 289, אָנמערקונג 4.

4) דער לאַנג-יאָריקער ביבליאָטעקאַר אירער איז מאָריץ שטערן. די ביבליאָטעק האָט נישט קיין געדרוקטן קאַטאַלאָג.

5) דער שורש פון אָט-דער ביבליאָטעק האָט געשאַפן די פּריוואַט-ביבליאָטעק פון רב שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט אין לעמבערג, וואָס איז אין די פּערציקער יאָרן געוואָרן פּראָגער רב און האָט אין זיין צוואה אָפּגעשריבן זיין גרויסע ביבליאָטעק דער קהילה.

6) פאַרמאָגט ביים היינטיקן טאָג בערך 200.000 ווערק, צווישן זיי – די זעלטנסטע יודאַיקעס.

רייך איז די יודאַיִסטישע אָפּטיילונג אין דער שטאָט־ביבליאָטעק אין פראַנקפורט־אַם־מאַין [1]. נישט ווייניקער וויכטיקע, כאָטש אפשר נישט אַזעלכע רייכע, יודאַיִסטישע ביכער־זאַמלונגען פאַרמאָגן: די קעניגלעכע ביבליאָטעק אין בערלין, די נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ווין א. אַ. לעצטנס זענען געוואַלטיק באַרייכערט געוואָרן די ביבליאָטעקן פון די אַמעריקאַנער ראַבינער־סעמינאַרן (ניו־יאָרק [2], סינצינאַטי א. אַ.). אויך די אַמעריקאַנער רעגירונגס־ביבליאָטעקן.

נאָר ביי אונז, אין פוילן, וווּ ס'וווינען בערך אַ 3 מיליאָן יידן און וווּ די דרוק־קונסט בליט שוין פון 1534 יאָר אָן, — נאָר ביי אונז הערשט אויך אויף אָט־דעם געביט, ווי אויף אַסך אַנדערע, אַן אָפּגע־שטאַנענקייט און אַ פאַרוואָרלאָזטקייט. די רעגירונגס־ביבליאָטעקן זאַמלען נישט קיין יידישע, נישט קיין העברעישע ביכער, פאַרענטפערנדיק זיך דערמיט, אַז ס'פעלן כלומרשט קוואַליפיצירטע כוחות צום קאַטאַלאָגירן. ס'זאַמלען אויך נישט קיין יודאַיקע די גרויסע פונדאַציע־ביבליאָטעקן ווי אָססאָלינעום [3], די ביבליאָטעק פון די טשאַרטאָריסקיס [4], קראַשינסקיס, פּזשעזשדזיעצקיס [5], זאַמאָיסקיס, ראַטשינסקיס, מיעלזשינסקיס, די ביב־ליאָטעק ביי דער געזעלשאַפט פריינט פון וויסן אין פּויזן א. אַ. אַפילו די יידן אַליין האָבן אין פוילן געשאַפן בלויז דריי־פיר זאַמלונגען, וואָס פאַרדינען אויף אַזאַ נאָמען, אַזעלכע זענען פאַראַן: אין וואַרשע, ווילנע [6]. לעמבערג און קראָקע, נישט רעכענענדיק די פּריוואַט־ביבליאָטעק פון

---

1) אַדאַנק דער אומערמידלעכער 30־יעריקער אַרבעט פונם אָנפירער פון אָט־דער ביבליאָטעק, דער אויסגעצייכנטער ביבליאָגראַף פּראָפ. דר. א. פריימאַן.

2) ביבליאָטעקאַר איז דער פּראָפ. דר. אַלעקסאַנדער מאַרקס.

3) יודאַיקעס האָט געשאָנקען דער געריכט־ראַט וואָלף, דער זון פון פּאַרלעגער מיכאַל וואָלף. אַחוץ דעם זענען דאָרט פאַראַנען אַ מאַסע אַרכיוואַלן און דרוקן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן.

4) זע די זאַמלונג פון לאַיקאַ, זע קאָזשעניאָווסקיס קאַטאַלאָג.

5) אַ כתב־יד פון יעקב פראַנק (אַ קאָפּיע פון אָנהויב 19טן יאָרהונדערט). אַ פריער־דיקע קאָפּיע געפינט זיך איצט אין בערסאָן־מוזעום. פראַנקס אָריגינאַלן זענען נישט פאַראַן. אפשר האָט ער גאָרנישט געקאָנט שרייבן.

6) די לעצטע צוויי יאָר אַנטוויקלט זיך מיט גרויס געשווינדקייט די ביבליאָטעק ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וואָס פאַרמאָגט שוין איצט איבער 15.000 בענדער.

פאַרשידענע געלערנטע אָדער ביבליאָפילן, פון וועלכע די רייכסטע איז – ה' ראַטנעמערס אין וואַרשע. לײדער איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די דאָזיקע ביבליאָטעק זאָל אַרויסגעפירט ווערן פון לאַנד.

די וואַרשעווער ביבליאָטעק, אָדער לויט איר פולן טיטול: די יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער גרויסער סינאַגאָגע (אויף טלאָמאַצקע) איז אַנטשטאַנען אין 1879 יאָר אַדאַנק דער נדיבות און דער אַרבעט פון עטלעכע יחידים: מאיר קאָהן, פ. וו. מאָשקאָווסקי און איגנאַץ בערנשטיין, אַחוץ דעם האָבן פאַרדינסטן פאַר דער ביבליאָטעק דער ראַבינער פאָזנאַנסקי, דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער ח. י. באָרנשטיין און דער ביבליאָטעקאַר גאָוזאַ [1]. אָט די ביבליאָטעק האָט אין 1928 יאָר פאַרמאָגט: 11,678 העברעישע און יידישע ווערק און 7,708 ווערק אין אַנדערע שפראַכן, אָדער בסך-הכל: 19,386 ווערק אין 24,860 בענדער [2]. נאָכן שטילשטאַנד פון דער מלחמה-צייט וואַקסט איצט די דאָזיקע ביבליאָטעק גענוג גיך, קויפט צו און באַקומט אַסך יודאַיסטישע ווערק. מ'דאַרף אויך באַמערקן, אַז זי באַקומט פון דער רעגירונג אַלע יידישע און העברעישע ווערק, וואָס ווערן געדרוקט אין פוילן (צענזור-עקזעמפלאַר). די ביבליאָטעק באַזיצט אַ ריי אַלטע דרוקן, צווישן זיי – עטלעכע אינקונאַבולן, צ. ב., אַ פירוש פון רלב"ג אויף תורה (מאַנטואַ 1480), ספר מצוות גדול (סמ"ג, (סאָנצינאָ 1488), ראש אמונה לאברבנאל (קאָנסטאַנטינאָפאָל 1505), אַסך ספרים פון 16טן און 17טן י. ה. אויך אַ ריי כתב-ידן, וואָס וואַרטן אויף אַן אַרויסגעבער. די פולע קאָמפלעטן פון וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן און די אויסגעצייכנט-קאָמפלעטירטע ביבליאָגראַפישע האַנט-ביכער גיבן-צו דער ביבליאָטעק אַן אייראָפעישן אויסזען. לײדער אָבער איז דער לאָקאַל אַזאַ שלעכטער, אַז ער אַנטשפּרעכט נישט די פרימיטיווסטע פאָדערונגען. כדי די דאָזיקע אַנאָמאַליע צו באַזייטיקן, האָט די „סינאַגאָגע-פאַרזאַמלונג" באַשלאָסן לכבוד דעם 50-יעריקן יובליי פון דער סינאַגאָגע אויסצובויען אַ נייע

---

1) באַלאַבאַן: ביבליאָטעקאַ סינאַגאָגי נאַ טלאָמאַצקים, נאַש קורייער, וואַרשע, 1922, נ' 137. הרב דר. שמואל אברהם פאָזנאַנסקי ז"ל, זיין לעבן און זיינע ווערק, פון דר. מאיר באַלאַבאַן, 1864–1921. ביאָגראַפישע שטריכן. וואַרשע, 1922, זייט 18.

2) מ. שאַליט אין קאַלענדאַר „פון יאָר צו יאָר", 1928, ז. 188, ווענן זעלבן זע אויבן זייט 279, באַמערקונג 2.

געביידע פאַר דער ביבליאָטעק, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אַלע פאָדערונגען פון דער נייער ביבליאָטעק-וויסנשאַפט. נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז געווען ווייניק געלט און וואָס די פּעסימיסטן האָבן אָפּגעשלאָגן, האָט מען זיך אין מאַי 1928 גענומען בויען און איצט שטייט שוין געדעקט אַ פּראַכטפולע דריי-שטאָקיקע געביידע. לײדער וועט מען נאָך דאַרפן צוּוואַרטן אַ צוויי יאָר, ביז וואַנען אַלץ וועט זיין אויסגעפּאַרטיקט, און די געביידע וועט קאָנען אַריינגעמען סיי ביכער, סיי לייענער [1].

די ווילנער ביבליאָטעק איז אַ מתּנה פון מתּתיהו סטראַשון און איז געגרינדעט געוואָרן אין 1885 יאָר. נאָך סטראַשונס טויט און נאָכדעם ווי מ'האָט פאַרקויפט דאָס הויז, וואָס ער האָט אָפּגעשריבן פאַר דער ביבליאָטעק, — האָט די געזעלשאַפט „צדקה גדולה", וואָס האָט אויסגעפירט די ראָלע פון אַ רעליגיעזער קהילה (קיין יידישע קהילות זענען אין די צאַרישע צייטן נישט געווען), אויפגעבויט אויפן שול-הויף אַ באַזונדערע ביבליאָטעק-געביידע, וועלכע איז אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט אין 1912. די ביכער-זאַמלונג האָט אַנטהאַלטן אין 1928 יאָר בערך 19.000 ווערק, צווישן זיי — 80 פּראָצענט העברעישע, און די איבעריקע יודאַיק אויף אַנדערע שפּראַכן. די דאָזיקע ווערק שטאַמען פון סטראַשונען אַליין, פון היסטאָריקער פין, מאַרקאָן, בער ראַטנער, מ. עפּשטיין, ר. בעהאַק און פון יעקב בן יעקב. ס'זענען דאָרט פאַראַן אַ 5 אינקונאַבולן, בערך אַ 300 ווערק פון 16טן י. ה., צווישן זיי 55 געדרוקט צווישן 1500—1540 (צעמיליאַ) א. אַ. אַממיינסטן איז דאָרט פאַראַן ספרים, נאָר זיי זענען דאָ אַזוי צוגעקליבן און אין אַזעלכע אַלטע אויסגאַבן (סאָנצינאָ, דניאל באָמבערגס א. אַ. [2]), ווי אפשר אין ערגעץ נישט. דער געדרוקטער קאַטאַלאָג [3]) פאַרגרינגערט ביים באַנוצן זיך מיט דער ביבליאָטעק, אָבער ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1889 און אַנטהאַלט נאָר די ווערק, וואָס שטאַמען פון סטראַשונען און פון די ערשטע מנדבים. די ביבליאָטעק האָט אויך

1) אין דער געביידע וועט זיך אויך געפינען דער אינסטיטוט פאַר דער יודאַיסטישער וויסנשאַפט, (מכון לחכמת ישראל), וועלכער געפינט זיך היינט אויף נאָוואָליפּיע 3.

2) שאַליט: ווילנער קולטורעלע אַנשטאַלטן, ווילנע, 1917.

3) ליקוטי שושנים והוא רשימת הספרים אשר אסף וקבץ הרב... מתתיהו שטראַשון זצ"ל בווילנא. בערלין, 1889.

אָסך כתב-ידן, איינער פון זיי שטאַמט פון שפּאַניען, פון יאָר 1412 [1].

ס'איז דאָ אין ווילנע נאָך אַ פּאָפּולערע ביבליאָטעק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַר דער מלחמה דורך דער „חברת-מפיצי-השכלה" אין פּעטערבורג און די נייע ביבליאָטעק פון דעם ייוו"א.

די יידישע ביבליאָטעק אין לעמבערג געהער צו דער יידישער קהילה און געפינט זיך אין דער קהילה-געביידע אויף דער זשעזשניעצקאַ נ' 5. די לאָקאַלן זענען ספּעציעל אַדאָפּטירט געוואָרן. ס'איז אויך פאַראַן אַ באַקוועמער לייען-זאַל און קלענערע צימערן פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אָבער אין אַלגעמיין איז די ביבליאָטעק אַן אָפּגעשטאָרבענע אינסטיטוציע, נישט דערפאַר ווייל ס'פעלן, חלילה, לייענער – פאַרקערט, מ'קומט מאַסנווייז – נאָר בנוגע דער קאָמפּלעטירונג פון דער זאַמלונג. נאָך פאַר דער מלחמה איז דער סכום, וואָס די קהילה האָט באַשטימט אויף צו קויפן ביכער און אויף צו צאָלן באַאַמטע, געווען לעכערלעך קליין. די זאַמלונגען זענען אַנטשטאַנען אַדאַנק סאַלאָמאָן בובער, ר' שמעלקע האָראָוויץ, געז. שומר ישראל א. אַ. אַזוי ווי זיי זענען געווען, זענען זיי געבליבן עד-היום. די קאָמפּלעטירונג איז צוגעגאַנגען זייער שלעפּעריק, צייטשריפטן זענען נישט דערגאַנצט געוואָרן, נייע האָט מען אַבאָנירט זייער ווייניק און אַזוי-אַרום איז פאַרוואָרלאָזט געוואָרן אַ זאַך, צו וועלכער מ'האָט זיך גענומען מיט אַזאַ ענערגיע און אויף וועלכער מ'האָט געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען. ס'איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז היינט דאַרף מען האָבן מיליאָנען, כדי צו קריגן דאָס, וואָס אַמאָל האָט מען געקאָנט קומען דערצו פאַר טויזנטער, ס'וועלן ממילא איצט שוין נישט העלפן נישט די אָנשטרענגונגען פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג, נישט דער איצטיקער ביבליאָטעקאַר ה' יודאַ קאָהן [2].

---

1) די אינקונאַבולן פון אָט-דער ביבליאָטעק זענען: 1) הערוך, פון ר' נתן מרומא, 1477; 2) מבחר הפנינים פון ר' שלמה גבירול, 1492; 3) אַ ספר פון אבן סיני, נעאַפּאָל 1492; 4) בחינת עולם פון ר' ידעיה הפניני, סאָנצינא 1485; 5) מחברות עמנואל הרומי, ברעסציא 1491.

2) באַלאַבאַן: יידישע ביבליאָטעקן אין לעמבערג, כווילאַ (אויף פויליש) פון 7 יאַנואַר 1922. דער ערשטער ביבליאָטעקאַר איז געווען גרשם באַדער (היינט אין אַמעריקע).

די ביבליאָטעק „עזרא“ אין קראָקע איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דר. טהאָן, וועלכער האָט געגרינדעט ספּעציעל אַ געזעלשאַפט צוליב דעם דאָזיקן צוועק. היינט געפינט זי זיך אין דער געביידע פון דער יידישער קהלה און האָט אַ זייער באַקוועמען לייען-זאַל. אין אַלגעמיין איז דאָס נישט קיין גרויסע ביבליאָטעק, זי האָט אויך אַ מינימאַלן בודזשעט און קאָמפּלעטירט גאָר פּאַמעלעך [1].

ווי מיר זעען, הייסט עס, קעמפן אונזערע ביבליאָטעקן מיט דער גלייכגילטיקייט פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און ממילא פעלט אויס צוצוקויפן נייע ביכער און קאָמפּלעטירן אַלטע צייטשריפטן. אויך הערשט ביי אונזערע ביבליאָטעקאַרן אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט בנוגע אַ גאַנצער ריי זאַכן, וועלכע די ביבליאָטעקן דאַרפן רעגיסטרירן. ווער זאַמלט ביי אונז אַנטיסעמיטישע בראָשורן און פּלאַקאַטן, פּאָלעמישע בראָשורן, וועלכע זענען איצט דאָ אין די טויזנטער און מאָרגן קאָן מען זיי נישט קריגן פאַר קיין שום געלט? ווער זאַמלט וואַל-פּלאַקאַטן פון די פאַרשידענע קאָמיטעטן און פּראָקציעס, פּראָגראַמען פון צוזאַמענפאָרן און איינלאַדונגען, באַריכטן פון קהילות און געזעלשאַפטן? — דערצו דאַרף מען שוין נישט האָבן קיין קאַפּיטאַלן, ס׳איז גענוג אַביסל גוטער ווילן און אַ שטיקל אָרט אויף אַ מאַגאַזין. אין יאָרן אַרום וועלן אונזערע אייניקלעך דאָס אַלץ זוכן, ווי מיט ליכט און וועלן פאַרשעלטן די נאַכלעסיקייט פון זייערע אבות [2]. וועלכער ביבליאָטעקאַר אין פוילן אינטערעסירט זיך דערמיט, וואָס ס׳ווערט מיט די פּריוואַט-ביבליאָטעקן, וואָס זענען אָפט גאַנץ היפּשע? וווּ קומען זיי אַהין? דער אמת איז, אַז אָדער זיי ווערן צעשלעפּט, ווען נישט — גייען זיי אַוועק קיין אויסלאַנד [3]. די רייכע ביבליאָטעק פון ר׳ שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט איז אַריבער קיין פּראָג צוזאַמען מיטן אייגנטימער און איז דאָרטן געוואָרן אַ יסוד פאַר

1) דער ביבליאָטעקאַר איז אין משך פון אַ ריי יאָרן געווען פּראָפ. מיכל בערקאָוויטש.

2) איצט רעגיסטרירט און עס זאַמלט איינטאָג-אויסגאַבעס, פּראָגראַמען א. אַ. דער ייוו״א אין ווילנע, זע: דאָס יידיש וויסנשאַפטליכע אינסטיטוט, (דייטש) בערלין, 1929, ז. 11.

3) וועגן גורל פון באַראָן גינזבורגס ביבליאָטעק אין פּעטערבורג, זע: באַלאַבאַן, דער גורל פון אונזערע איבערבלייבענישן. „נאַש קוריער“, וואַרשע, 1922, נ. 144 (פּויליש).

אַ יידישער ביבליאָטעק [1]. ר׳ נחום פרידמאַנס ביבליאָטעק פון סאַדאַגוראַ און האַלבערשטאַמס פון ביעליץ געפינען זיך היינט – אַדאַנק דער באַמיונג פון סאַלאָמאָן קאָהן – אין ווין, און וואַכשטיינס פרעכטיקער צוויי-בענדיקער קאַטאַלאָג [2] באַשרייבט, לזכרון, די אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרטן. די רייכע ביבליאָטעק פון יוסף פערל אין טאַרנאָפּאָל האָבן צעשלעפּט די נישט-ערלעכע באַאַמטע. ס׳איז אויך כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן דער רייכער אַרכיוואַלער מאַטעריאַל, וואָס פערל האָט געזאַמלט אין אָנהויב 19טן י. ה. ס׳זענען דאָרטן געווען אַזעלכע פּערל, ווי די כתבי-יד פון ר׳ דוב-בער ברעזאָווער-בירקענטאַל (געשטאָרבן 1805) וועגן וויכּוח מיט די פראַנקיסטן אין לעמבערג [3], צי גאָר אַ כתב-יד וועגן מצב פון יידישן סוחרטום אין אַכצנטן י. ה. [4].

קהילה-אַרכיוון, לויזע אַרכיוואַלעס, אָדער פּנקסים – אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע, צעך-פּנקסים, שול-פּנקסים, חברה-קדישא-פּנקסים זענען ס׳רוב פאַרלוירן געוואָרן ביי אונז אין פּוילן, אָדער אַריבער קיין אויסלאַנד. און דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן ביז דער אייראָפּעישער מלחמה, איז פאַרפאַלן געוואָרן בעת דער מלחמה. דער רייכער אַרכיוו פון דער קראָקעווער קהילה, ווו ס׳זענען געווען אַלע קעניגלעכע פּריווילעגיעס פאַר גאַנץ פּוילן, איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער שוועדישער אינוואַזיע אין יאָר 1655. דאָס, וואָס מ׳האָט דאַמאָלס אָפּגעראַטעוועט צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע קעניגלעכע פּריווילעגיעס. האָט אין מיטן 19טן י. ה. גענומען צו זיך אַהיים איינער פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג און עס איבערגעלאָזט זיין זון, דעם אוניווערסיטעט-פּראָפעסאָר לודוויק גומפּלאָוויטש. דער האָט עס איבערגעגעבן

1) ראַפּאָפּאָרטס בריוו זענען דאָ אין מיין אַרכיוו העכער 800, צווישן זיי: 100 דייטשע, געשריבן צו אים פון פאַרשידענע געלערנטע. אַסך יידישע פון די קינדער צום פאָטער.

2) וואַכשטיין: קאַטאַלאָג דער סאַלאָ קאָהנשען שענקונגען. 1. ביכער אַאוס דעם זאַמלונג דעס ראַבינער בער פרידמאַן אַאוס סאַדגאָראַ, ווין, 1911; 2. ביכער אַאוס דער זאַמלונג ס. ה. האַלבערשטאַם, ביעליטץ, ווין, 1914.

3) בראַווער: מקור חדש לתולדות פראנק וסיעתו, השלח **1917**, און **1921**.

4) ווישניצער: זכרונות ר׳ דוב מבוליחוב, בערלין **1922**.

אַן אַנדערן געלערנטן אויף סטודיע-צוועקן, און ערשט דער לעצטער קהילה [1]. דאָ האָט עס אין יאָרן אַרום צוריקגעגעבּן דער קראָקעווער זיך די אַקטן און פּריווילעגיעס אין זיכערע הענט, אָבער דער געפינען ביזן היינטיקן טאָג. זעקס אַרכיוו איז נישט געבּרענגט אין אָרדענונג קהילה, אַנדערע קראָקעווער פּנקסים געפינען זיך אין רשות פון דער אין פּריוואַטע הענט. צוויי — אין אַרכיוו פון אַלטע אַקטן פון דער שטאָט קראָקע. קורץ פאַר דער מלחמה האָט מען געפונען אין דער אַלטער שול אַ ספר אויף פּאַרמעט, פּרעכטיק אילוסטרירט און אילומינירט. עס שטאַמט ,אַזש פון פערצנטן יאָרהונדערט. ס׳זענען דאָרט פאַראַן אַלע פינף חומשים מיט די הפטרות, געשריבּן פאַר גד בּן פּעטער הלוי פון רעגענסבּורג. אָט דאָס קונסטווערק האָט מען רעסטאַווּרירט און פאַר־זיכערט [2]; דערפאַר זענען אָבּער נישט גענוג פאַרזיכערט אַנדערע ענלעכע ספרים, אַשטייגער דער סידור אויף פּאַרמעט, וואָס איז געשריבּן געוואָרן אין קראָקע אין יאָר 1646 און איז אַ מתּנה פון ר׳ שמואל בּן ר׳ משה מיכאל צו ר׳ אײַזיק ר׳ יעקעלעס [3]. דער דאָזיקער סידור איז בּיזן יאָר 1913 געלעגן אין שול אין אַן אָפענעם שופלאָד. געשענקט דער שול האָט אים טאַקע דער זעלבּער ר׳ אײַזיק ר׳ יעקעלעס. אַן אַנדערש מאָל האָט מען אין איינער פון די קראָקעווער שולן געפונען אַ כּתבֿ-יד אויף פּאַפּיר פון אָנהויבּ 17טן י. ה. עס איז דער עלטסטער סטאַטוט פון דער קראָקעווער קהילה פון יאָר 1595 מיט הוספות, וואָס שטאַמען פון די ערשטע יאָרן פון 17טן י. ה. אינטערעסאַנט איז, אַז געשריבּן איז ער נישט אויף העבּרעיש, נאָר אויף יידיש [4].

---

1) זע דעם אַריינפיר צו מיין „געשיכטע פון יידן אין קראָקע און קוזמיר" (פויליש) באַנד 1, אויסגאַבע 1.

2) אמאייזען זאַפיא, די העברעישע ביבל פון 14טן י. ה. אין קראָקע, 1929.

3) ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס איז געווען אַ רייכער קראָקעווער ייד אין דער ערשטער העלפט פון 17טן י. ה. ער האָט געבויט אַ שול אויף זיין נאָמען. די שול עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאָג. באַלאַבאַן: די געשיכטע פון יידן אין קראָקע (פויליש), באַנד 1, אויסגאַבע 2, זייט 255 א. וו.

4) באַלאַבאַן: די קראַקויער יודענגעמיינדעאָרדנונג אויס דעם יאַהרע 1595 אונד איהרע נאַכטרעגע. יאַהרבוך דער יידישער ליט. געזעלשאַפט אין פראַנקפורט אַ. מ. בד. 10 (1913) און 11 (1916). אויך אָפּצוגן.

נאָך ערגער ווי אין קראָקע איז דער גורל פונם קהילה-אַרכיוו אין לעמבערג. דאָ איז נישטאָ קיין איין דאָקומענט פון די פוילישע צייטן. דער עלטסטער אַקט, וואָס איז געבליבן, שטאַמט פון 1792 יאָר, ד. ה., פון לעאָפּאָלד דעם צווייטנס צייטן. עלטערע קהילה-באַאַמטע האָבן מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע צענטליק יאָרן צוריק האָט מען פאַרברענט אַלע אַלטע אַקטן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין אָרט אויף זיי. ס'איז מיר טאַקע נישט געלונגען (כאָטש כ'האָב שטאַרק געזוכט) צו געפינען אַפילו קיין איין אָריגינעלע פּריווילעגיע אַפילו פון 18טן י. ה., נישט קיין איין חשבון אָדער בריוו. אויך די פנקסים די לעמבערגער זענען פאַרלוירן געוואָרן לעולם-ועד [1]. בלויז אַביסל געבליבענע בלעטער פון עטלעכע פנקסים האָט מען איינגעבונדן אין איין באַנד און מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אין דער קהילה-ביבליאָטעק [2].

פון דעם קהילה-אַרכיוו אין לובלין איז נישט געבליבן קיין זכר, אַפנים, אַז אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן בעת דער גרויסער שרפה אין י. 1856. טיילן פון פנקסים געפינען זיך אין פּריוואַטע הענט, אָבער קיין הונדערט-חלק נישט דערפון, וואָס ס'האָט געדאַרפט איבער-בלייבן פון לובלין [3]. פון יאָר 1580 אָן זענען אין לובלין כסדר פאַר-געקומען די צוזאַמענפאָרן פון ועד-ארבע-ארצות און מען קאָן כמעט זיין זיכער, אַז די פּראָטאָקאָל-ביכער האָבן זיך געפונען אין דער קאַנצעלאַריע פון דער קהילה. ווו זענען זיי אַהינגעקומען? דאָס ווייסט

1) איצט געפינט זיך דער אַרכיוו אין איינעם פון די זייטיקע צימערן אויפן ערשטן שטאָק. ס'ווערט דאָרטן רעגולער געאַמטירט פאַר אינטערעסאַנטן. די קהלישע אַקטן פון סוף 18טן י. ה. און פון 19טן י. ה. זענען גענוג קאָמפּלעט און שפּיגלען אָפּ פאַר-שידענע פאָרמען פון יידישן לעבן. קיין אינווענטאַר פון אַקטן איז נישט פאַראַן. אויף אַט די אַקטן האָב איך מיך סומך געווען אין מיין אַרבעט: הערץ האָמבערג און די יוזעפינער שולן פאַר יידן אין גאַליציען (פויליש) (1787—1806), לעמבערג, 1906. איבערדרוק אין: געשיכטע פון יידן אין פוילן (פויליש), וואַרשע, 1920, ז. 190—236.

2) דער דאָזיקער פנקס הויבט זיך אָן פון סוף 17טן י. ה. און איז אַ קליינער טייל איבערגעדרוקט אין די הוספות צו בובערס „אנשי שם". די תקנות פון דעם ועד-ארבע-ארצות זענען זייער אינטערעסאַנט, איבערהויפּט דער דיני בוררים פון 1624 יאָר. זע באַלאַבאַן: לעמבערגער יידן (פויליש), לעמבערג 1906, ז. 422—429.

3) עטלעכע ווייניקער-אינטערעסאַנטע תקנות גיט דער פאַרשטאָרבענער ש. ניסענבוים ז"ל אין זיין מאמר „קדמוניות או עוללות", וואָס איז ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט.

קיינער נישט. אפשר זענען זיי פאַרבּרענט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן שטאָט־טייל אין יאָר 1656, — בשעת די רוסן האָבן איינגענומען די שטאָט אונטער דער אָנפירונג פון פעטער איוואַנאָוויטש שערעמעטיעוו [1]). כ׳האָב אויך געזוכט די דאָזיקע ועד־פּראָטאָקאָלן אין יאַראָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט, אָבער אומזיסט, ס׳איז נישטאָ פון זיי קיין זכר. דערפאַר זענען די ועד־פּראָטאָקאָלן פון ליטע געבליבן כמעט אינגאַנצן און דערצו נאָך — אין דריי קאָפּיעס. דער בריסקער און דער גראָדנער האָבן זיך פאַר דער מלחמה געפונען אין פעטערבורג. דער ווילנער געפינט זיך עד־היום אין דער סטראַשון־ביבּליאָטעק [2]).

אין קוזמיר ביי דער ווייסל האָב איך געזען ביים דאָרטיקן רב זילבּערמינץ אין יאָר 1917 אַ פּאַרמעטענעם סידור אין קוואַרטאָ פון 18טן י. ה. אילומינירט און מיט פעדער־צייכענונגען (אַ מלך אויף דער שטול, המן אויף דער תּליה). די צייכענונגען זענען גאָר שוואַכע. אין סוף סידור איז פאַראַן אַ תּפילה אויף די קרבּנות פון שנת ת״ח (ימי־כמיעלניצקי) און אויף אַנדערע קדושים ביז צום עלילת־דם פון פּויזן אין 1736 [3]) אין פּינטשעוו האָט דער דאָרטיקער רב (הרב ראַפּאָפּאָרט, 1918) געהאַט דריי פּנקסים, אויך פאַרשידענע אַקטן פונם אַמאָליקן

1) באַלאַבאַן: די יודענשטאָדט פאָן לובלין, בערלין, 1919, ז. 42—49.

2) דעם פּנקס פונם ליטווישן ועד האָט אַרויסגעגעבן פולשטענדיק שמעון דובּנאָוו אין צוויי אויסגאַבּעס. דאָס ערשטע מאָל אַ צוגאָבּ צו „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1909—1918 (אויף רוסיש — י. טובים). דאָס אַנדערע מאָל — אין העברעישן אָריגינאַל און מיט וויסנשאַפטלעכער באַאַרבּעטונג, פאַרלאַג „עינות״, בערלין, 1925. די פּנקסים פון די פּוילישע ועדים האָט מען וואָרשיינלעך פאַרבּרענט נאָך איידער מ׳האָט מבטל געמאַכט דעם ועד אין יאָר 1764, מחמת מורא פאַר אַ רעגירונגס־קאָנטראָל. ווי מ׳קאָן אַרויסדרינגען פון אַקטן פון די יאָרן 1739 און 1753 האָט מען שוין דאַמאָלס פאַבּריצירט פאַרן רעגירונגס־קאָמיסאַר בודזשעטן און חשבּונות און מ׳האָט אים נישט אַנטפּלעקט דעם אמתן מצב. די קאָמיסיע צו ליקווידירן די ועד־חובות פון יאָר 1765 האָט שוין נישט געהאַט קיין פּנקסים, און זיך געמוזט באַנוצן מיט גבית־עדות.

3) צום גליק האָט זיך לעצטנס פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן סידור ה׳ וואַצלאַוו וואָועלבּערג פון וואַרשע, וועלכער האָט אים געגעבן אַפּצופּרישן און איינצובינדן. וועגן די פּויזנער קדושים פון 1736 יאָר זע באַלאַבאַן: היסטאָרישע סטודיעס, וואַרשע, 1927, ז. 141—150 (פּויליש). איך האָב אויך אַן אל־מלא־רחמים פון דער שול אין גאָלין, ביי דער ווארטאַ, וואָס באַציט זיך צו די קדושים.

רייכן קהילה-אַרכיוו, פּריווילעגיעס פון די שטאָט-פּריצים, מישקאָווסקיס, אַזש ביזן 17טן י. ה. ס'איז דאָרטן אויך דאָ אַ פּאַרמעטענער סידור געשריבן אין יאָר 1764 [1].

אין סאַנדאָמיעזש (צוויזמיר) האָב איך נישט געפונען קיין שום אַקטן, כאָטש די קהילה געהער צו די סאַמע עלטסטע אין פּוילן, נאָך אין 1367 ווערט זי דערמאָנט אין די גענעראַל-פּריווילעגיעס. ווייזט אויס, אַז אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען בעת די פּאָגראָמען צוליב די צוויי עלילת-דם-פּראָצעסן אין די יאָרן 1698 און אין 1710–1712, וועלכע זענען געוואָרן אינסצעניזירט דורך דעם דאָרטיקן קאַנאָניק, דעם גלח זשוכאָווסקי. די קהילה האָט אויך געליטן פון די שוועדן (1655 יאָר). לזכרון די שוועדישע שחיטות זענען געבליבן תּפילות און קינות אויף די אומגעקומענע [2]. ס'איז דאָרטן אויך דאָ אַ פּאַרמעטענער סידור, זייער שיין אילומינירט און מיט פאַרביקע צייכנונגען.

אין אָ פּ ט געפינט זיך אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד אַ קהילה-פּנקס, וואָס גרייכט אַזש ביז צום יאָר 1669. אַ גרויסן טייל פון דעם דאָזיקן פּנקס האָט פאַר דער מלחמה נ ח ו ם ס אָ ק אָ ל אָ ו ו געלאָזט קאָפּירן און די קאָפּיע געשענקט דער ביבליאָטעק ביי דער סינאַגאָגע אין וואַרשע.

פונם אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין פּ ל אָ צ ק איז געבליבן עד-היום איין בינטל אַקטן, וואָס נעמט אַריין אַקטן פון די לעצטע יאָרן אין פרייען פּוילן, די צייט פון דער פּרייסישער אָקופּאַציע און פון וואַרשעווער פירשטנטום. פון עלטערע צייטן געפינט זיך דאָרטן אַ קאָפּיע פון אַן אָפּמאַך צווישן פּלאָצקער קהל און צווישן דער שטאָט וועגן

[1]) דאָרט איז אויך פאַראַן: 1) אַ צעשיטער פּנקס פון מיטן 17טן י. ה. אויך פאַרשידענע תּקנות, חשבונות, פּסקי-דין, צווישן זיי — עטלעכע תּקנות פון ועד-ד'-ארצות 2) אַ בוך מיט גבית-עדות פון יאָר 1788. 3) אַ בית-המדרש-פּנקס פון יאָר 1812. צווישן די פּריווילעגיעס פון די שטאָטישע פּריצים, די מישקאָווסקיס, איז די עלטסטע פון 1610 יאָר און איז נוגע דער האַנדל-פרייהייט פון יידן און קריסטן אין געוויינ-לעכע טעג און אין יאַריד-טעג. איך האָב קאָפּיעס פון אַט די אַקטן.

[2]) קאַנדעל: די שחיטה אויף די סאַנדאָמיעזשער יידן אין יאָר 1655, דריי-חודש-בוך געווידמעט דער פאָרשונג פון דער יידישער פאַרגאַנגנהייט אין פּוילן (פּויליש), העפט 2, ז. 111 א. ו. (1912).

אַ מסחר פון 1617 יאָר, אויך אַ באַריכט וועגן אַ עלילת-דם-פּראָצעס אין פלאָצק אין יאָר 1754. נישט לאַנג איז געפונען געוואָרן אין פלאָצק אַ פנקס פון שניידער-צעך פון סוף 18טן י. ה. און איינער פון די יונגערע וואַרשעווער היסטאָריקער, דר. ע. רינגעלבלום, באַאַרבעט אים.

אינם אַרכיוו פון דער יידישער קהילה אין פ ש ע מ י ש ל געפינען זיך יידישע פנקסים פון שניידער-צעך [1], און די רעשטלעך פונם קהילה-אַרכיוו אין ז ש ו ל ק ו ו ע זענען פאַר דער מלחמה געווען אין רשות פון דער דאָרטיקער משפחה צימעלס. ס׳זענען דאָרטן געווען דריי קעניגלעכע און אַרציבישאָפישע פריווילעגיעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום בנין פון דער שול אין זשולקווע, פאַרשידענע קהלישע חשבונות פון 18טן י. ה. א. אַ. דער פנקס פון דער קהילה האָט פאַר דער מלחמה געהערט צום זשולקעווער קהל [2]. די ד ר אָ ה אָ ב י ט ש ע ר קהילה האָט אַ פנקס פון 18טן י. ה. פון זעלבן י. ה. האָט אויך אַ פנקס די קהילה פון ק אָ נ ס ק [3]. אויך אין ר ײ ש ע איז איבערגעבליבן אַ קהלישער פנקס פונם 18טן י. ה. אמת – נישט קיין גרויסער [4]. די ב ר אָ ד ע ר פנקסים זענען פאַרלוירן געוואָרן פאַר דער מלחמה. ס׳איז בלויז געבליבן דער פנקס פון דער חברה-קדישא, וווּ ס׳זענען פאַרשריבן די נעמען פון די יידן, וואָס זענען באַהאַלטן געוואָרן אויפן בראָדער בית-עולם אין די יאָרן 1694–1831 [5].

וואָס ס׳איז געשען מיט די אַרכיוון און פנקסים אין וואָלין און אין אָדאָליען, ־יז שווער צו וויסן. פון צייט צו צייט האָט מען פאַר דער מלחמה געקריגן ידיעות פון דער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג, אַז ס׳איז איר געלונגען צו באַקומען דעם אָדער

1) מ. שור: יידן אין פשעמישל (פויליש), לעמבערג 1903.

2) פאַרשידענע קאָפּיעס דערפון: ב ו ב ע ר, „קריה נשגבה", 1903.

3) ירושה-ענינים, חשבונות, קאָנטראַקטן צווישן חזן מיטן באַס א. אַ. אַ קאָפּיע פון דעם פנקס האָט מען געמאַכט פאַר דער ירושלימער ביבליאָטעק. איין קאָפּיע – ביי מיר.

4) הויבט זיך אָן פון 1702 יאָר. פאַראַן אַסך אַקטן פון שותּפות אין 19טן י. ה. פון די פריערדיקע צייטן – זייער אַ אינטערעסאַנטע צוואה (1747), שטייער-רשימות א. אַ.

5) טיילווייז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך מ. נ. ג ע ל ב ע ר: „אויס דעם פינקאַס דעם אַלטען יודענפריעדהאָפס אין בראָדי". יאַהרבוך ד. ייד. ליט.-געזעלשאַפט, פראַנקפורט אַ. מ. 13, 1920. אויך – אַז אָפּדרוק.

יענעם פנקס [1]). עטלעכע פון זיי באַזיצט היינט דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו (איצט אין בערלין), אַ טייל ליגן אין די אַלטע שולן, אָדער געהערן צו פּריוואַט-מענטשן. אַזוי האָט עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה אין לעמבערג אַ סטודענט פאַר צען קראָן פאַרקויפט אַ פנקס פון אַ יידישן צעך אין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק. דער פנקס פון דער קהילה אין אָסטראָה איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געלעגן ביים היסטאָ-ריקער ע. נ. פרענק אין וואַרשע, און נאָך זיין טויט איז ער פאַרקויפט געוואָרן אַ פּריוואַטער פּערזאָן [2]). אין לוצק איז ביז ערשט נישט לאַנג געווען אַ פנקס פון שניידער-צעך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יאָר 1721 [3]). אין דובנאָ געפינען זיך ביזן היינטיקן טאָג ביי דער קהילה-פאַרוואַלטונג צוויי פנקסים. איינער אַ צוואה פונם דאָרטיקן בירגער מאַרשאַלקעוויטש (פּרנס), דער צווייטער — אַ קהילה-פנקס, אין וועלכן ס'זענען פאַרשריבן אַסך באַשלוסן פון דער קהילה, אויך אַדמיניסטראַ-טיווע, געריכטלעכע און שטייער-געזעצן פון 18טן י. ה. אַ טייל פון דאָזיקן פנקס האָט איבערגעדרוקט זייער נאַכלעסיק און אָן אַ פּלאַן מאַרגאָליס אין זיין מאָנאָגראַפיע: „וועגן יידן אין דובנאָ“ [4]). דעם גאַנצן פנקס האָט מען ערשט לעצטנס אָפּקאָפּירט אין וואַרשע, אין ביוראָ פון פריינט פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. די

1) א דין-וחשבון פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט — אין „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ“ — פון יאָר 1909 ביז 1915.

2) געקויפט האָט עס ה. ליפשיץ אין וואַרשע בהמ״ח ספר: „אבות עטרת לבנים“.

3) מפנקסי לוצקא. מאסף. פעטערבורג 1902. וועגן לוצק בכלל, זע באַלאַבאַן: סטודיאַ היסטאָרישנע, ז. 37–54 אין התקופה 25, ע. 450–464.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאָנען וועגן קהילה-פנקס אין ראָוונע, פון וועלכן ס'האָט געמאַכט אַ אויסצוג צבי העללער. זע צבי העללער: דער ראָוונער פנקס, אויסצוג פון ראָוונער העברעישן פנקס-הקהלה, וועלכער באַצייכנט אַלע גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן ביינעוווינט די שטאָט און איר אַנטוויקלונג, אָנהויבנדיק פון 400 יאָר צוריק ביז דער גרויסער מלחמה. אויך דאָס איבערלעבן פון מלחמה-צייט ביזן יאָר תרפ״ד, 1924, צונויפגעשטעלט און איבערגעשריבן. לובלין, 1925, 64 עמודים.

4) מרגליות: דובנא רבתי, וואַרשע, 1910. דעם גאַנצן פנקס האָט מען איבער-געשריבן פאַר דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק אין ירושלים. די קאָפּיע האָט געמאַכט ה. זאַקהיים. אַמוויכטיקסטן איז דער נייער סטאַטוט פון דער דובנער קהילה אין 1747, וואָס באַשטייט פון עטלעכע הונדערט פונקטן.

קאָפּיע האָט מען אַוועקגעשיקט אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. רעשטלעך אַרכיוון און לויזע אַקטן געפינען זיך אין פּריוואַט־הענט. אויך ביי מיר געפינט זיך אַן אָריגינאַל פון אַ גרינדונגס־פּריווי־לעגיע, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן יידן אין פּיעטריקאָוו פון סטאַניסלאַוו אויגוסט [1], אַ תּפילה פאַר די פּויזנער קדושים פון 1736 יאָר, פון דער קהילה אין גאַלין ביי דער וואַרטאַ, חשבונות פון גריידיקער אַרכיוו אין גרויספּוילן א. אַ.

אַ היפּשן אַרכיוו האָט די יידישע קהלה אין וואַרשע. ער גרייכט ביזן אָנהויב פון 19טן י. ה., ד. ה. כמעט פון סאַמע אָנהויב, זינט די קהילה עקזיסטירט. ס'זענען דאָרט פאַראַן חשבונות (פון י. 1867), פּראָטאָקאָל־ביכער (פון י. 1837), באַשלוסן, שול־אַקטן א. אַ. ליידער זענען די ביכער און אַקטן פון די אינטערעסאַנטע עפּאָכעס שטאַרק דעפעקטירט, צ. ב. פון יאָר 1862—1863 (אַפּנים — דורך דער רוסישער רעגירונג [2]). דער גאַנצער אַרכיוו געפינט זיך אויך אין אַ נישט־פּאַסיקן לאָקאַל, איז נישט ווי געהעריק איינגעאָרדנט און דערפאַר — כמעט נישט צוטריטלעך. מ'דאַרף האָפן, אַז די וואַרשעווער קהילה וועט

1) דער פּיעטריקאָווער פּנקס געפינט זיך ביי דער דאָרטיקער קהילה. איך אַליין האָב אים נאָך נישט געזען, כ'האָב בלויז אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין שער־בלאַט. אַ קאָפּיע פון פּנקס פון אָלקוש געפינט זיך ביי דר. לואי לעווין אין ברעסלוי (מאַנאַטשריפט פ. וויסס. אונד געשיכטע דעס יודענטומס, 1929 ז. 181, באַמערקונג). דער זעלבער האָט נאָך אסך אַרכיוואַלן, איבערהויפּט — גרויספּוילישע.

2) לויטן אינווענטאַר, וואָס מ'האָט געמאַכט די לעצטע יאָרן, איז פאַראַן אין אָט דעם אַרכיוו צווישן אסך אַנדערע אויך די פאָלגנדיקע אַקטן, צונויפגענומען אין פּאַסטיקלען: אַרעסטאַנטן (פון יאָר 1827, פּאַסטיק. 4), וועגן דער שול אין פּראַגע (פון י. 1833 פּאַסצ. 9). די שול אין וואַרשע פון יאָר 1825 (פּ. 14), וואַרשעווער בית־עולם פון 1812 (פּ. 21), פּראַגער, פון יאָר 1875 (8), קבורות, פון יאָר 1821 (פּ. 14), כלי־קודש פון יאָר 1821 (פּאַסצ. 3) מושב זקנים ויתומים, פון יאָר 1816 (פּ. 18), כשר פלייש, פון יאָר 7817 (פּ. 23), לאָמבאַרד, פון יאָר 1822, אומבאַוועג־לעכע קהילה־גיטער, פון יאָר 1822, מלבושים, פון י. 1831, קהילה־אָרגאַניזאַציע, פון י. 1817, מיליטערישע שטייערן, פון י. 1810, שבועות, פון י. 1822, לעגאַטעס, פון י. 1822, ראַבינאַט, פון י. 1872, ציוויל־אַקטן, פון י. 1827, עטאַט, פון י. 1841, רעליגיעזע ענינים, 1822, סטאַטיסטיק, 1824, שפּיטאָל, פון י. 1796, היימלאָזע פון י. 1828, פּייערלעכקייטן, פון י. 1839 א. אַ.

נישט וואַרטן ביז דער צובוי פון דער קהילה-געביידע וועט פאַרטיק ווערן, נאָר באַלד לאָזן געהעריק איינאָרדענען און געפינען אַ פּאַסיקן לאָקאַל פאַר דעם וויכטיקן אַרכיוו.

---

די אַרכיוון פון די יידישע קהילות אין גרויספּוילן האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל, ווי אַלע איבעריקע אַרכיוון אין פּוילן. ווען די פּרייסישע רעגירונג האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט אָט די אַרכיוון (1883), זענען שוין געבליבן בלויז קליינע טיילן און צופעליקע אַקטן. די רעשט איז „פאַרלוירן געוואָרן בעת די אומצאָליקע שרפות און בהלות פון יענע צייטן" [1].

אין יאָר 1903 האָט אין ברעסלוי דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער היסטאָריקער יחזקאל ציוויער אין איינעם פון זיינע פאָרטראַגן באַרירט די פראַגע פון גרינדן אַ צענטראַלן אַרכיוו פון אַלע יידישע קהילות אין דייטשלאַנד. צוליב אָט דעם צוועק האָט ער אין אַ יאָר שפּעטער באַזוכט אַסך קהילות אין פּויזנער קאַנט און אין אויבערשלעזיען. דער רעזולטאַט פון יענע פאָרשונגען איז געווען אַ גרויסער אַרטיקל אין „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס" [2]. ציוויער, אַ געבוירענער אין טשענסטאָכאָוו, האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר די גרויספּוילישע קהילות און האָט באַדויערט, וואָס ס'איז אַזוי ווייניק געבליבן פון די אַמאָל רייכע אַרכיוון און קעניגלעכע פּריווילעגיעס. די יידישע געלערנטע אין דייטשלאַנד האָבן אונטערגעשטיצט ציוויערס איניציאַטיוו און אַזוי-אַרום איז אַנטשטאַנען אין בערלין דער „געזאַמטאַרכיוו דער דויטשען יודן", וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער היסטאָריקער און אַרכיוויסט דר. אויגען טויבלער, איצט פּראָפעסאָר פון אַלטערטימלעכע היסטאָריע אין דער היידעלבערגער אוניווערסיטעט. אין אָט דעם אַרכיוו זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן די רעשטלעך פון די גרויספּוילישע אַרכיוון, פון די אַרכיוון אין פּאָמערן און שלעזיען, צ. ב., די קהילה-פּנקסים פון אָסטראָווע און פּילאַ א. אַ.

---

1) וואַרשויער: די שטעדטישע אַרכיווען אין דער פּראָווינץ פּאָזען, ז. 11. דער זעלבער: אַאוס וואַרשאוער אַרכיווען: מיטטיילונגען דעס געזאַממטאַרכיווס דער דויטשען יודען. 6, 1926.

2) יאָר 1905, ז. 209—254.

די ביכער און קהלישע אַקטן פון טוירן, בידגאָשטש, באָרעק, כעלמזש, טשאַמפּין, פאָרדאָן, ווסכאָווע, גאָלנאָווע, גאָסטין, גראַבאָוו, גראָדזיסק, יאַנקאָוו, יאַרטשעוו, יאַראָטשין, יוטראָטשעוו, קאָבילין, קאָשמין, קאָשטשין, קורניק, לעשנע, מילאָסלאַוו, נאַקלע, אָבאָרניק, פּיוסק, פּאָדגורע, ראַוויטש, ראָגאָזשין, ריבניק און פון אַ סך אַנדערע [1]. די פּויזנער קהילה האָט אָװעקגעגעבן אין רעגירונגס-אַרכיוון אירע פּריווילעגיעס אויף דעפּאָזיט און אַליין זיך איבערגעלאָזט בלויז דריי פּנקסים, פון וועלכע דער עלטסטער, דער אַ. ג. כשרים-בוך, הויבט זיך אָן פון יאָר 1621 [2].

אין פּריוואַטע הענט געפינען זיך נאָך די פּנקסים פון אַ טייל קהילות, צ. ב., דער פּנקס פון וואַלטש (פון 18טן י. ה.), וועלכן איך האָב אין יאָר 1912 געזען ביי ה׳ מנשה ווערנער אין פּויזן [3], אָדער אַסך צעך- און חברה-פּנקסים, וואָס געפינען זיך אין רשות פון ראַבינער דר. לואי לעווין אין ברעסלוי [4]. ער האָט אויך די קאָפּיעס פון פּנקסים פון אָלקוש און דזיאַלאָשיץ, און אַסך גרויספּוילישע קהילות.

---

אַזוי זעט-אויס אין אַלגעמיין דער מצב פון די יידישע ביב-ליאָטעקן און אַרכיוון אין פּוילן. ווען די היסטאָריאָגראַפיע וואָלט נישט

---

1) מיטטיילונגען דעס געזאַממטאַרכיווס ד. ד. יודען, בענדער 1—6.

2) כשרים — דאָס איז אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעקליבן יעדער יאָר אַ נייע פאַרוואַלטונג. דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס די מיטגלידער פון אָט דער קאָמיסיע האָבן נישט געטאָרט זיין קיין קרובים (כשרים זה לזה). דאָס גאַנצע בוך האָט איבער-געזעצט אויף דייטש דר. וואָלף פייַלכענפעלד, פּויזנער ראַבינער. דער נאָך נישט אָפּגעדרוקטער כתב-יד ליגט אין „געזאַממטאַרכיוו" אין בערלין. ס׳זענען דאָרטן אויך פאַראַן פון פיליפּ בלאָך אַסך נאָטיצן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין פּויזן. אַסך בלאָכס קאָפּיעס פון די פּויזנער אַרכיוון זענען פאַרלוירן געוואָרן בשעת דער מלחמה און בעת דער היסטאָריקער האָט זיך איבערגעצויגן פון פּויזן קיין בערלין (1920).

3) וווינט איצט אין בערלין.

4) בים דר. לואי לעווין געפינען זיך 10 אָריגינעלע קהילה-פּנקסים פון פּודעוויץ פון 19טן י. ה. דער ספר-זכרונות פון דער קהלה אין קראָטאָשין, פון 18טן און 19טן י. ה., דער פּנקס פון דער חברה גאולת-נפש אין פּויזן, פון 18טן און 19טן י. ה., חברה רש"י אין קעמפּן, פון 19טן י. ה., חברה „שומרים לבוקר" פון 19טן י. ה. אין קעמפּן, חברת היטים, פון 18טן און 19טן י. ה. און חברה קצבים פון 19 י. ה. און אָפּשריפטן פון די

געהאַט קיין אַנדערע מקורים, וואָלט מען געמוזט רעזיגנירן פון יעדער ווייטערדיקער אַרבעט. אַ נס, וואָס אַסך קעניגלעכע פריווילעגיעס און אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונגען געפינען זיך אין די רעגירונגס-אַרכיוון, אין די שטאָטישע, קירכלעכע, אין די עפנטלעכע און פריוואַטע ביב-ליאָטעקן. אויך פראָצעסן, וואָס יידן האָבן געפירט אַמאָל, געפינען זיך אין די אַלטע געריכט-אַקטן, אויך אין די אַקטן פון די טריבונאַלן און דעם קעניגלעכן געריכט [1], איבערהויפּט אין די וואָיעוואָדישע און וויצע-וואָיעוואָדישע ביכער, וואָס זענען טיילווייז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער אויך אָט דער רייכער אַרכיוואַלער מאַטעריאַל גיט אונז בלויז אַ בילד פונם אויסערלעכן לעבן. אַ בילד וועגן אינערלעכן, אָדער פריוואַטן און קולטורעלן לעבן פון די יידישע קהילות אין פוילן און אויך פון יחידים וועלן מיר זיך קאָנען שאַפן נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן אויסזוכן, צענטראַליזירן און ברענגען אין אָרדענונג די אַרכיוון פון די קהילות און אויך די פנקסים, — דעמאָלט, הייסט עס, ווען מיר וועלן שאַפן אין וואַרשע אַ צענטראַלן אַרכיוו פון די יידן אין פוילן.

---

פנקסים פון וואָלטש, פון קורניק, אָסטראָוו, מעזשעריטש, ריטשעוואָל, זלאָטאָוו, גריידיק, ראַוויטש, פילאַ, פאָרדאָן א. אַ. דער רעשט פון דעם אַרכיוו אין אָסטראָוואַ געפינט זיך היינט אין „ייוואָ-אַרכיוו" (ידיעות פון „ייוואָ" נ"ר 29).

1) זע מיין אַרטיקל: אַרכיווע אין פּאָלען, אין דער „ענציקלאָפּעדיע יודאַיקאַ" דייטש), ב. 3, ז. 272 ביז 280.